STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11553

LIDER

David Sfard

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד ספארד

לידער

D. SFARD

WIERSZE

Redaktor: L. OLICKI
רעדאקטאָר: ל. אָליצקי

Portret autora: L. MERGASZYLSKI
פּאָרטרעט פון־אויטאָר: ל. מערגאַשילסקי

Rysunki: I. CELNIKIER, L. MERGASZYLSKI
צייכענונגען: י. צעלניקער, ל. מערגאשילסקי

Okładkę projektował: F. LEWIN
הילע געצייכנט: פ. לעווין

Wydawnictwo „Idisz Buch“
Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 2008. Nakład 1000 egz. Druk ukończono w listopadzie. Ark. druk. 9,5,
ark. wydawn. 5. Papier rotogr. kl. III, 61x86, 120 g.
Druk. RSW „Prasa”, Warszawa, Tarczyńska 8. Zam. 2008.

דוד ספֿאַרד

לידער

פֿאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע
1957

* *
*

בלומען=בייטן גייען אויף פון דיכטערס האַנט,
טרויער=קוואַלן טרינקען אָן זיי צו דער זעט,
נאָר מיט ליבשאַפט זיי באַוואַכט דאָס גאַנצע לאַנד —
וואָס דערוואַרט דעם יידישן פּאָעט?

בלעטערפאל אין קילן זומערשפּעט —
בלאָנקען זיינע ווערטער אום אין ווינט.
גרייכן זיי צומאָל די בליונגס=פרייד
אויף די ליפּן פון זיין אייגן קינד?

טראָפּנס בלוט פארזייט זיין האַרץ טאָג=איין טאָג=אויס
פון זיין שפּייכלער פול מיט פּיין —
גייט כאָטש אויף פון זיי א טרייסט אי, ווען ס'וועט,
אין וועמענס האַרץ אַ זאַנג פון שיין?

אָפּט פארפרירט די קעלט זיי נאָך אין שאָל,
וויקלט איין זיי אין תכריכים שניי
און אין גרויסן וויסטן ביינער=טאָל
גייען פרילינגען אריבער זיי

אָ, יידיש=ליד, דו וואַקסט אוים ווילד אויף אַלע שליאכן,
הפקר=קוואַלן טרינקען אָן מיט טרויער דיינע צווייטן.
נישטאָ קיין לאַנד, וואָס זאָל מיט ליבשאַפט דיך באַוואַכן,
נישטאָ קיין האַנט, וואָס זאָל מיט צאַרטקייט דיך פארהיטן.

שטורעמס האָבן דיך געבוירן צווישן וועגן,
פרעמדע הימלען האָבן דיך דערצויגן
אונטער האָגלען, אונטער רעגן —
נאָר דו ביסט אויפגעגאַנגען איבער זיי — א רעגנבויגן.

דיין בלויזע שטים איז שוין געווען נצחון־קלאַנג —
ווי שפּינען האָבן זיך צו דיר געצויגן בייזע הענט,
דער שר אליין פון וואָרט און פון געזאַנג
האָט אין פלאַמען דיך פאַרברענען נישט געקענט.

נישט געווען די קראַפט, וואָס זאָל באַפעלן דיר צו שווייגן,
וואָס זאָל דיין גייסט באַצווינגען צו פאַרשווינדן.
ביסט פון אַש אויפגעקומען — העכער נאָך צו שטייגן
און מיט אלע שׂרפות זיך צעגליען און צעצינדן.

אז דער שונא זאָל אין ליכט־קרייז ווי א שאָטן זיך צעשווומען,
אז פאַרבלייבן זאָל נאָך אים זיין בלויזער קין־צייכן,
און ווען אפילו אלע דיינע עכאָס זאָלן שטומען,
זאָל דיין שיין אליין דאן צו די הערצער גרייכן.

אין טרויער

אין אַן אייגענער שטאָט

איך בלאָנדזשע אום אויף פרעמדע גאסן פון א פרעמדער שטאָט.
אלץ ארום איז ווייט אזוי אין אָוונט־בלאָ.
און יעדער מענטש, וואָס קומט אַנטקעגן אָן, איז ווי א סוד
פון עמעצן, וואָס איז שוין לאנג נישטאָ.

אויסטערליש און פרעמד כ׳קום פּאָר איצט זיך אַליין:
ווער בין איך? פון וואַנען קום איך דאָ אהער?
ס׳איז נאכט. יעדעס הויז — א שווערער שווארצער שטיין.
יעדע שויב — אַ פינקלנדיקע טרער...

כ׳שליס די אויגן צו

כ׳שליס די אויגן צו און טראַכט:
און אפשר איז עס פּאָרט א חלום בלויז,
אַ וויסטער חלום פון דער נאַכט,
און אויף דער וואָר איך שלאָף איצט אין מיין הויז,
די יונגע סאָסנעס וויגן שטיל זיך פאַר מיין טיר,
די אקאציעס דרימלען פויל,
און אלע מיינע נאָענטע רוען נעבן מיר
און אנען נישט דעם גרויל,
וואָס האָט מיין בייזער חלום צוגעטראָכט פאַר זיי.

איך האַלט די אויגן צו און זע:
ס׳איז פרי פאַרטאָג,
אין שטומער שטילונג בלאָזן זיך די ווענט,
פון געלעגער גייט דער טאַטע קרעכצנדיק אַראָפּ,
קוקט אַ ווײַלע אין זיך אין מיין שלאָפנדיק געזיכט
און זיינע אויגן ווערן פול מיט ליכט.
אַ שמייכלענדיקער גייט ער צו דאַן צו דער שאַנק,
נעמט א ספר שטיל ארויס —
און באלד פארשפינט דאָס גאנצע הויז
זיין טרויעריק געזאַנג.

ערשט דעמלט ציטערן לייכט אויף דער מאמעס ברעמען,
און האַלב אין חלום האַלב אויף וואָר,
זי מורמלט ווערטער איינציקע נישט קלאָר,
רופט די קינדער אַלע ביי די נעמען,
די טרייע טאָכטער חנה,

וואָס וואָכן לאנג איז שוין קיין בריוו פון איר נישטאָ,
דעם זון דעם איינציקן, אָ וויי,
וואָס איז ארויס לתרבות רעה,
און ווערטער אָפּגעריסענע דערמאנען
די ווייטע ברידער פון טשיקאַגאָ און ראסיי,
די אייניקלעך די טייערע פון קיסעלין —
און אין אירע גרויע האָר
צינדן זיך די ערשטע שטראַלן פון באַגין.

איך האלט די אויגן צו און טראכט:
און אפשר איז עס פּאָרט אַ חלום נאָר,
א ויסטער חלום פון דער נאכט?

פאַר וועלכע זינד ?

דיסעלען

אין ווייסל־לאנד גייט אום א פרילינגדיקער ווינט,
דער טאָג איז לויטער, העל און לינד,
די נאַכט איז מילד און פול מיט גנאָד —
נאָר מיינע וועגן ציען צו די חורבות פון א שטאָט,
און מיינע גאסן פירן צו א פוסטער היים
און צו גריבער אָפענע פון ליים.

איך גיי אויף דיינע בלוטנדיקע טריט,
ווו יעדעס זעמדל האָט נאָך איינגעהיט
די פייכטקייט פון דיין לעצטער טרער,
און פון יעדן ווינטל־רויש איך הער
דעם לעצטן יאָמער פון דיין גוף,
דיין לעצטן שטומען רוף.

ווי איז מיר און ווינד,
פארוואָס איז דיר געווען אזוי באשערט
אליין צו גיין דעם לעצטן גאנג אויף ערד,
פאר וועלכע זינד?

דיין שטילע שטים האָט שטענדיק גוט גערעדט פון מענטש:
האָסט אַלע זיינע טואונגען געבענטשט,
און יעדע עוולה אים פארענטפערט פון פאָרויס.
זיין חלום האָסטו צוגעטוליעט צו דיין שויס,
און אויפגעשיינט אנטקעגן יעדנס גליק
מיט גוטן שמייכל פון דיין בליק.

נאָך שפּרייט זיך דאָ ארום דיין שלווהדיקע ליכט,
די שטילע שיין פון דיין אומעטיק געזיכט,
און פון אונטער ווענט פארשרפהטע, פאַרשוואַרצט,
גייט אויף דיין שטים עניוותדיק באַהאַרצט
מיט פארגעבונג קלוגער און מיט גנאָד
פאר מענטשן און פאַר גאָט.

ווי איז מיר און ווינד,
פארוואָס איז דיר געווען אזוי באשערט
אליין צו גיין דעם לעצטן וועג אויף ערד,
פאַר וועלכע זינד?

זעט אויס...

זעט אויס —
מיין שוועסטער,
מיין איינאונאיינציקע,
מיין טייערסטע,
גלויבט זיך אלץ נאָך נישט אליין,
אַז מ׳האָט דערשטיקט איר ציטערדיק געוויין
און מיט אים צוזאמען
אויך דעם מאַן,
דאָס טעכטערל און זין
און אלע טאַטעס,
אַלע מאמעס,
אלע קינדערלעך —
פון שטעטל קיסעלין.

זעט אויס —
זי גלויבט זיך אלץ נאָך נישט אליין,
און יעדן נאָך חצות
זי קומט אין געסט צו מיר צו גיין
און פרעגט באזאָרגט זיך אויס,
פארוואָס עס זענען מיינע האָר שוין גרוי,
פאַרוואָס כ׳בין אומעטיק אזוי —
און איך מיט ערמה, גאָרגישט ווי אין חלום,
שטיקנדיק אין זיך די טרערן,
ענטפער איר געלאַסן און באַזאַכט —
כ׳זאָל נישט וועקן איר פאַרדאַכט,
כ׳זאָל איר גלויבן נישט צעשטערן.

דעמלט שווימט זי ווי א נעפּל אָפּ
אין בלווילעך אשיקן קאיאָר,
נאָר צווישן אירע שווארצע כוואליעס האָר,
וואָס קנוילן זיך ווי שאָטנס אויף איר קאָפּ,
צינדט זיך אָן איר וווּנד,
ווי אַ פייערדיקער בראנד,
ווי די זון
אין מערדערס לאנד.

אַ חלום

אויפֿן ראָג פֿון גאַס — אַ ליידיק צימער.
פֿענצטער צוויי אין ביידע זייטן.
פֿון דעם טונקלען מאַרק אַ פֿלאַש אַ בלאָע שימערט —
צוויי שיכורים קומען אָן פֿון ווייטן.

אין דעם ערשטן פֿענצטער פֿינצטערט איינער שטאַר.
אַ פּוסטער פּיסטאָלעט דראָט מיט שפּאָט אין צווייטן.
הענט פֿאַרבראָכענע אין צער –
די שטאָבעס אויף די קלייטן.

מיט כּל־נדרי־ניגון רוישן שטיל די דעכער.
פֿון געהיימען פּחד ציטערן די ווענט.
די צעבלויטע הימלען גייען אָפּ אַלץ העכער —
איבער ערד — בלויז קינס צייכן ברענט.

* * *

כ׳האָב אליין געזען און געהערט,
ווי ס׳האָט די זון צעיאָמערט זיך אין מיטן העלן טאָג,
און ס׳האָט דער הימל איר דאָס נישט פאַרווערט,
נאָר פאַרצויגן זיך אליין מיט שוואַרצער קלאָג.

און צוזאמען בײדע האָבן לאַנג געוויינט,
ביז ס׳האָט די ערד זיך אויפגעעפנט און אַנטפּלעקט איר זינד —
אונטער יעדן גרויען שטיין
איז א געשאָכטענע געלעגן מרים מיט איר קינד.

אין אָפּגרונט פון די נעכט

אין אָפּגרונט פון די נעכט ברעכן איין זיך מיינע טעג,
ווי דינע שיכטן אײַז —
אָ, טײַערע, פון אייך צו אײַך עס פירט נאָך אַלץ מיין וועג
אין א כישופדיקן קרייז.

ווי מאסן־קברים עפענען זיך אויף די ציפערן פון גרויל,
און יעדער ציפער זיך פארציט מיט ביין און הויט —
מיר דוכט זיך אויס: דער טאָג איז ווי א חלום ווייט און הויל
און וואָר איז נאָר די נאַכט און אייער טויט.

באַגין קלאפט ווידער אָן די טרייסט צו מיר אין שויב
און דאָס גערויש פון שטאָט
פלאטערט הויך ארויף צו מיר ווי נחס טויב
מיט פרידן און מיט גנאָד.

איך זע אַ ליכט פילט אויס מיין שטאָט פון ברעג צו ברעג.
אויף אלע דעכער רוט א יונגע שיין,
און כ׳וויס: דאָס גייען אויף פאר אונדז די שיינע טעג
דורך אייער פּיין.

שיפן אויסגעלאָשענע

שיפן אויסגעלאָשענע אויף א פרעמדן ים —
די ווערטער פון מיין פיין —
צי וועלן זיי נאָך גרייכן צו דער שיין
פון אייער לויכטנדיקן פלאַם?

אַז יעדעס וואָרט ווערט גלייך פאַרקוילט
פון אייער פייערדיקן ווינט
און יעדעס בילד ווערט אויסגעלאָשן בלינד
אין אייער קרייז פון גרויל —

צי וועלן זיי שוין אייביק בלייבן שטום
און נאָר ווי וואָלקנס פול מיט קלאָג
פאַרטונקלען מיר דעם נייעם טאָג
און שפּרייטן שאָטנס זיך אַרום?

ווען ס׳ווערט א בוים פאַרשניטן אומגעריכט
ווייַנען אלע זיינע צווייגן מיט,
נאָר שטארקער נאָך זיין וואָרצל זיך צעבליט
און רייסט זיך פון דאָס ניי צום ליכט.

אויך איך באגער אזוי, אַז אַייער לעצטן טראָט
דערהערן זאָלן אַלע דורות פון דער ערד,
אַז אייער לעצטער בליק זאָל ווי אַ שווערד
באַשירעמען די רו פון יעדער שטאָט.

און וויסן זאָלן קינד און קייט
אין קומענדיקע טעג פון פריידן און געזאנג
דעם שוידער־וועג פון אייער גאַנג
צו גבורה און צו אייביקייט.

צו א מיידל פון אשוויענטשים

זיך זע:

עס ציטערט ווי א ווונד נאָך די פארשעמונג אין דיין בליק
און ווי אַ צאַנקנדיקע שיין
בלאָנדזשעט אַלץ נאָך אום אין דיר די שרעק פאר פיין,
דער פחד פאַרן טויט —
נאָר דיינע ליפּן — שאַרלאך־רויט —
דורשטן ווידער שוין נאָך גליק,
און פון דיין טרויעריק געזיכט
שלאָגט ווידער שוין אַ קוואל פון ליכט
און פון עקשנותדיקן דויער,
וואָס איז נאָך שטארקער פון דיין טרויער.

און גריילעך קען אזוי געשען, קינד:
בלויז איך אליין
וועל ווערן פון דיין ווייטיק בלינד,
וועל ווערן טויב פון דיין געוויין.

און דיר וועט גאָר פונסניי איצט זיין באשערט
ווי זון דורך וואָלקנדיקע בערג אַריבער יעדן פרוור
און ווידער זיך פארפלאנצן אויף דער ערד
מיט יונגן לעכצנדיקן גוף.

ווײַל כמאַרעס שוואַרצע

ווײַל כמאַרעס שוואַרצע
גײען דורך אַן רעגן?
ווײַל בליצן פאַלן
איבער פוסטע וועגן?

ווײַטיק פון מײַן האַרצן,
אָרעם מײַן פאַרמעגן —
ס'איז נאָך נישט געקומען
קײנער אויף דיר פרעגן.

אָבער אין דער טונקל
פון די וואָלקן־טורעמס
זאַמלען זיך שוין פונקען,
רײַפן אַן שוין שטורעמס.

ווײַטיק מײַן געזאַלבטער,
אײביקער דערמאָנער,
ליגסט אין מיר באַהאַלטן —
אַ געשמידטער דונער.

עס איז געווען אַמאָל אַזאַ לעגענדע

עס איז געווען אמאָל אַזאַ לעגענדע:
עס ברענט א דאָרן, ווי אַ שטערן,
און קאָן פארברענט נישט ווערן,
עס פליסט א קוואל אין סאמע מיטן
און יעדער איינער
שליידערט אין אים שטיינער
און קאָן אים נישט פאַרשיטן.
געווען אַמאָל אַזאַ לעגענדע,
נאָר איצט איז זי צו ענדע.
דער ברענענדיקער דאָרן
איז פארברענט געוואָרן
און דער קוואל אין סאמע מיט
איז שוין אויך פארשיט.

עמעט טיל

עמעט טיל,
דיין קינדעריש געשריי
האָט אויפגעריסן ווי אַ פלאַם
די רו פון מיינע נעכט.
כ׳האָב ווידער פאַר מיין בליק דערזען
די זעלבע האַנט,
וואָס האָט מיין לאַנד
געצונדן און פארשוועכט.

עמעט טיל,
דיין פיין איז מיר באקאנט.
ווי אן אַיינגעדרימלטער ווולקאַן
וויגט זיך אין מיין גוף
דער אימהדיקער רוף
פון קינדערלעך פארפייניקטע ווי דו,
און אין יעדער אָוונטיקער שעה,
ווען ס׳זעצט זיך אָפּ דאָס ליכט פון טאָג,
ציטערט אויף אין מיר זייער קינדערישע קלאָג.

עמעט טיל, מיין אָרעם קינד,
אויף דיינע מערדער גייען אום אַצינד
באשאנקענע מיט גנאָד.
נאָר ס׳וועט נישט קיינער זיין אימשטאנד
פארווישן אונדזער בלוט
אויף זייער מערדערישער האנט.

אין ליכט, וואָס שטאַרקער אַלץ צעהעלט,
זיי ווערן בלייבן נאַקעט שטיין,
ווי וועלף
אַרויפגעיאָגטע אויף אַן אָפן פעלד,
און פון דער ליכטיקייט אַליין
צעפאַלן און פאַרגיין.

פאַר אייער הייליקן זכרון

אַלע מיינע טעג זענען יאָרצייט־ליכט
פאַר אייער הייליקן זכרון
און אַלע נעכט — מצבות שטומע
אויף אייערע פארשעמטע קברים.

דורך בערג פון אַש און רויכן שוואַרצע
איך גיי צו אייך פון שטאָט צו שטאָט,
און ס'איז דאָס שלאָגן פון מיין האַרצן
דאָס ווידערקול פון אייער לעצטן טראָט.

נאָר וווּ זאָל איך זיין שפּור איצט זוכן,
אויף וועלכע שטחים?
אַז אַלע וועגן האָבן אייער פּיין געטראָגן
און אייער בלוט האָט די גאַנצע ערד געצוואָגן.

יעדן מענטשן קומען זיבן טעג פון טרויער —
וויפל יאָרן זאָל מיין טרויער דויערן,
כדי צו זיצן „שבעה" נאָך מיליאָנען,
כדי אַ פאָלק אַ גאַנץ אין ווייטיק צו דערמאָנען?

זענען אַלע מיינע טעג די יאָרצייט־ליכט
פאַר אייער הייליקן זכרון
און אַלע נעכט — מצבות שטומע
אויף אייערע פארשעמטע קברים.

אַז איך וועל פאַרלאָזן די ערד דאָ

אַז איך וועל פאַרלאָזן די ערד דאָ —
ווער וועט צו להכעיס די מערדער
פון דורות די ליידן און פריידן
אין יידישן לשון באַשיידן?

און ווער וועט די מי און דעם מאַטער
פון שטרענגע פאַרהאָרוועטע טאַטעס,
פון מאַמעס פאַריאָגטע אין עולן,
מיט פריידיקע שעהן באַצאָלן?

אַז איך וועל אוועקגיין פון דאַנען —
ווער וועט די העלדן דערמאַנען,
ווער וועט די גריבער פאַרשיטן,
די הייליקע קברים פאַרהיטן —

און ווער וועט די גאָלדענע קייט ווייטער שמידן
פון די גרויסע שבת־יום־טובדיקע יידן,
וואָס מיט נשמות צעפלאַקערטע שפאַנען —
אַז איך וועל אַוועקגיין פון דאַנען?

בענקשאַפֿט

נעכט

נעכט, מיינע וואָגלדיקע שיפן —
איר רייסט זיך אָפּ פון די בייזע טעג
ווי פון דראָענדיקע ברעגן און פאַרכישופטע
דורך דעם זילבער־ליכט פון מילעכוועג
איר שווימט אוועק פארחלומטע און שטילע
צום לאַנד פון מיינע קינדערישע תפילות.

איר שווימט אַוועק פון לויערנדיקע אָפּגרונטן,
באַלאָדענע מיט עוולות און מיט פּיין,
נאָר מיין האַרץ פון אייגנליכט צעצונדן
אייך שיקט פאָרויס זיין ציטערדיקע שיין.
איר זאָלט דעם וועג אויף ימים נישט פארלירן,
איר זאָלט מיין חלום צו זיין ברעג דערפירן.

בענקשאפט

קומסט אומגעריכט ארויס
פון אונטער מיינע וואָלקנדיקע נעכט
ווי אַ יונגע לויטערע לבנה
און נעמסט מיין בענקשאַפט אין דיין שויס
און פירסט אַוועק מיך ווי אין חלום
אויף א ווייטער לויכטנדיקער ערד.

ווי שורות פון אַ טרויעריק ליד
גייען נאָך דיר מיינע יאָר.
אַן אויסטערלישע שיין
פון פרייד געמישט מיט פיין
גייט אויף אין מיין געמיט.
און איך ווייס שוין נישט אליין,
צי איז דאָס אַלץ אין חלום, צי אויף וואָר.

נאָר גלייך ווי דו פאַרשווינדסט,
בליט ווידער אויף דער ווייטיק, ווי אַ רויטע בלום.
דאָס האַרץ בלייבט הענגען אויפן ווינט,
און שווארצער נאָך עס ווערט די נאכט ארום.

א חלום

נאַכט ביי נאַכט זיך שלייכט אַדורך מיין חלום מיטן ווינט
די גרענעץ, וואָס אונדז טיילט פאַנאַנדער,
און ס׳גייט אים נאָך מיין בענקשאַפט ווי אַ קינד,
וואָס איז שוין צוגעווינט צו וואַנדער.

כ׳ווייס אין שלאָף אפילו, אז ס׳איז אַ צייט פון שלום,
און דאָך איז פול מיין הארץ מיט שטום געוויין —
עס קאָן זיך טרעפן, אַז אַ מענטש אין חלום
זאָל אויך אַמאָל פאַרבלאָנדזשען ווו און נישט דערגיין.

נאָר אָט בין איך די גרענעץ שוין אַריבער,
עס וואַרט מיך אָפּ א ברעג מיט שטילער גנאָד.
אַן אומבאַקאַנט־באַקאַנטע זאָגט מיר: ליבער,
און פירט אַוועק מיך אין אַ היימיש־פרעמדער שטאָט.

איך גיי איר נאָך באַרוישט פון זיסן תענוג,
אַ ווינטל שטיפט אין אירע בלאָנדע האָר —
אָ, טייערע, עס האָבן די חלומות מיך פאַרפייניקט,
זאָג, איך בעט דיך, אז דאָס אַלץ איז וואָר.

זי שמייכלט סודותדיק. איר שמייכל מיך פאַרבלענדט.
אַ ווינטל שטיפט אין אירע בלאָנדע האָר:
— עס איז, מיין ליבער, אלץ פון דיר געווענדט,
וויל — און ס׳קאָן אויך ווערן וואָר.

צי קענען ווערטער דען מיט הערצער זיך פאַרמעסטן?

צי קענען ווערטער דען מיט הערצער זיך פאַרמעסטן?
אין קלענסטן טייכל גייט די זון אויף ווי אין טייך אין גרעסטן —
פאַראַן אַ טייך אַ קליינער,
וואָס פליסט אָן אויפהער דורך מיין האַרצן
ווי מיין אייגן בלוט.
אַן אויסגעלייטערטער און ריינער
קומט זיין קוואַל פון טיפן שוואַרצע,
פון אַן אויסגעשאָכטענער פאַרוויסטער שטאָט.

צי קענען ווערטער דען מיט הערצער שטרייטן?
אין יעדער רגע קרייצן דורך זיך אַלע צייטן.
דאָס, וואָס איין מאָל איז געשען,
בלייבט שוין קיינמאָל נישט פאַרענדיקט,
ווייל שוין קיינמאָל אויס נישט ווערן.
פאַראַן אַ ברעג, וואָס כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען,
נאָר אין מיין חלום רוישן זיינע כוואַליעס שטענדיק
און זיינע זאַמדן לויכטן ווי די שטערן.

דאָס לאַנד פון מיין חלום

מיין בענקשאפט — ציטערדיקע כוואַליעס,
מיין האַרץ — אַ וואָגלדיקע שיף.
יעדע נאַכט אין חלום מיט קינדערשער התפעלות
כ׳שווים צו דיינע ברעגעס דורך אַ חושכדיקער טיף.

נאָר ס׳לייכטן ווי לבנות מיינע שווייגנדיקע יאָרן,
ווי שטערן זיך צעצינדן מיינע קינדערישע טעג,
עס פלאַמט מיין לעבן אויף — אַ ברענענדיקער דאָרן,
און כישופט אויס אין נאַכט אַ שטראַלנדיקן וועג.

אָט זע איך שוין די ערד פון מיינע שטילע טרוימען,
זי איז נישט ווי אַמאָל מער איינזאַם און אַליין,
נאָר אירע בערג פארלווירענע אין בענקנדיקע רוימען
זענען אַלץ נאָך איינגעהילט אין נעפּלען פון געוויין.

איין רגע בלויז — און ווי אַ וואָגל־זון א מידער
כ׳וועל טוליען אין איר שויס מיין אומעטיק געזיכט —
נאָר איבער מיר א ניכטערער באַגינען ווידער
לעשט מיט קלאָרן בליק דאָס כישופדיקע ליכט

און ס׳לאכט ווי פריער די זון אויף פרעמדע שוועלן,
און ס׳גייט מיין חלום אָפּ פארשעמט אין נעפּלדיקער טיף,
בלויז די בענקשאפט ציטערט אלץ, ווי זילבערדיקע וועלן,
און איבער זיי מיין האַרץ — אַ וואָגלדיקע שיף.

ס'איז נישט קיין זינד

ס'איז נישט קיין זינד,
ס'איז נישט קיין זינד,
ווען יונגער פרילינג־ווינט
אַ גרוס מיר ברענגט,
אַ גרוס פון שלום,
פון בערג און טאָלן,
וואָס כ'האָב זיי אויסגעבענקט,
וואָס כ'האָב זיי אויסגעחלומט
אין מיינע קינדערשע אַמאָלן.

ס'איז נישט קיין זינד
און נישט קיין שטער
פאַר אַלץ וואָס ביז אהער,
פאַר מיינע ווייטערדיקע טעג
ווי ביז אצינד.
פאַר דער טריישאפט צו דער זעלבער פאָן,
ווען אויף מיין טרויעריקן וועג
עס ברענגט א יונגער פרילינג־ווינט
אַ גרוס אַ פריידיקן — און כ'נעם אים אָן.

דאָס איז מײַן פאָלק

נאָך איז מײַן גוף מיט גרודעס פײַן פאַרשיט,
און שרעקן פינצטערע אין האַרצן מײַנעם ווימלען —
און שוין גײט אויף אין מיר פונסנײַ א ליד,
ווי ס׳גײט אַ שטערן אויף צווישן וואָלקנדיקע הימלען.

נאָך הויערן אויף מיר די נעפּלען פון געוויין
און איבער פרעמדע וועגן כ׳בלאָנדזשע אום א מידער,
נאָר ס׳וועקט אַן אַלטער ניגון אויף מײַן מיד געביין
און שליסט מיך אָן אין גאַנג פון דורות ווידער.

זײַ קומען שטיל פון שאָטנלאַנד ארויס —
די קײט פון צײַט אויף רינגען בלוטיקע צעריסן —
און יעדער רינג איז ווי די ערד די גרויס
און רויט ווי איר געשענדעטער געוויסן.

דאָס איז מײַן פאָלק. זײַן אָנהייב איז אין בראשיתדיקער ווײַט,
זײַן צאָל איז ווי די שטערן, ווי דאָס זאַמד בײַם ברעג —
מײַן פאָלק, וואָס האָט פאַרמאָסטן זיך מיט צײַט,
אַ בלוטיקן פאַרמעסט ביז ענד פון אַלע טעג.

כ׳גרים מיין חלום פון דער ווייט

איך רוף דאָס לאַנד נישט אָן ביים נאָמען,
צו זיין ערד איך שווער נישט טריי —
עכטע בענקשאפט איז אַ שטומע,
עכטע ליבע וויל זיין פריי.

טעג פון קריג און טעג פון שלום —
העלע ברענען מיינע יאָר —
כ׳זאָג נישט קיינעם ס׳איז מיין חלום,
כ׳זאָג נישט קיינעם ס׳איז מיין וואָר.

יעדע קינדהייט אייביק דויערט
און איר ניגון אונדז באגלייט —
כ׳זאָג נישט קיינעם ס׳איז מיין טרויער,
כ׳זאָג נישט קיינעם ס׳איז מיין פרייד.

וויפל נעכט אין זיסן וואַנדער,
וויפל טעג אין שטילער לייד —
צו זיין ברעג קומט עמעץ אַנדערש,
כ׳גריס מיין חלום פון דער ווייט.

איך וויל נישט — — —

איך וויל נישט די טעג מיינע בינדן אין טונקעלע בענדער פון יאָרן
און אויסשטעלן שטומע אלס אָנדענק פאַר שפּעטערע צייטן,
נאָר רייסן ווי בלעטער פון לוחות, אין ווייטיק, אין צער און אין צאָרן, —
און זאָלן די ווינטן זיי טראָגן אין אַלע פאַראַנענע זייטן.

זאָל יעדער פון זיי ווי אַ בלוטיקער אויפשריפט זיך לייגן אויף קברים
פון ברידער און שוועסטער געהייליקט אין פּיין און אין ליידן,
זאָל יעדער פון זיי ווי אַ דראָענדער אויפבליץ אויף שטורעם
דעם שונא דערמאָנען, אז ס׳וועט אים די שטראָף נישט פארמיידן.

איך וויל נישט די טעג מיינע שמעלצן אין זילבערנע מאַטע מנורות,
ווי יאָרצייט־ליכט פרומע אויף צידוק־הדין און הסכמה,
נאָר איין מאָל אַ צינד טאָן אין פלאַקערס פאַר אלע פארשניטענע דורות,
עס זאָל זייער אָפּשיין אויף אייביק נישט אויפהערן מאָנען נקמה.

עס זאָל זייער אָפּשיין אויף אייביק באַלייכטן דעם וועג פון אן אומה,
וואָס האָט איבער שייטערס און קברים געשלאָסן אַ בונד מיטן לעבן
און וועט שוין מער קיינמאָל נישט פּרוּוון מיט שפּרוכן באַקעמפן די טומאה,
און וועט שוין מער קיינעם נישט שענקען און קיינעם פאַרגעבן.

צו מיין אייגענעם פארלאָזטן קוואַל

אָ, לעבן מיינס, ווי אַ קוואַל פון אונטערדורותדיקע פלאסטן,
האָסטו א רעד געטאָן אין מיר מיט גורלדיקער שטים, —
און ס׳וויל נישט מיין געביין זיך שטיקן מער אונטער פרעמדע לאסטן,
און מיין געזיכט — פאַרמעקט זיין אונטער פרעמדן גרים.

ס׳איז נישט וואָר, אַז ווי אן אָפּגעריסן צווייגל פון אן אלטן בוים,
איך דריי זיך אָן אַ ציל פון ווינט געטראָגן צווישן פרעמדע אַקסן, —
איך בין צום וואָרצל זיינעם צוגעוואַקסן, ווי זיין שפּיץ אין רוים,
און טרינק נאָך אלץ די זאַפטן פון זיין אייביק וואַקסן.

און ווען אפילו וועגן פיל עס צערטלט אויפריכטיק מיין בליק,
בלויז איינער ציטערט אין מיין האַרצן ווי אַ שטראַל,
און ווי צו זון ער פירט מיך צו מיין איינציק גליק —
צו מיין אייגענעם פארלאָזטן קוואַל.

מיין געצייטיקטער טרוים

אויף מיין וויאנענדיק־הארבסטיקן בוים,
צווישן צווייגן אין נאקעטן טרויער,
ווי א ווייַנטרויב אַ דורכזיכטיק בלויער,
גייט אויף מיין געצייטיקטער טרוים.

ווי א גרויסע פאַרגליוועטע טרער
שימערירט ער אין פלאַמיקער שקיעה —
נאָר צו אים מיינע האָפענונגען ציען
און מיין ציטערדיק־שטומער באַגער.

ארום זענען נעפלען און נאכט,
ווי נעצן פאַר ערלעכן גאנג, —
נאָר ווער קאָן פארהאלטן דעם דראַנג
פון אַ האַרץ, וואָס האָט פלוצעם דערוואכט?

ארום זענען הימלען נאָך שווארץ
פון וואָלקנס אין ווילדן געיעג, —
נאָר ווער קאָן פאַרשטעלן דעם וועג
פאר ליכטיקער בענקשאפט פון הארץ?

אויף מיין וויאנענדיק־הארבסטיקן בוים,
צווישן צווייגן אין נאַקעטן טרויער,
ווי אַ ווייַנטרויב אַ דורכזיכטיק בלויער,
גייט אויף מיין געצייטיקטער טרוים.

נישט אויף די טייכן פון בבל

נישט אויף די טייכן פון בבל —
אויף פריינדלעכער ערד איצט מיר זיינען,
פארוואָס איז דאָס הארץ ווי אַן אבל
פאַר יעדן זיך גרייט צו צעוויינען?

אין עלנטע בלאָע פארנאכטן,
ווען מויער זיך טוליעט צו מויער,
אין טונקעלע גאַסן, ווי שאַכטן,
דאָס האַרץ איז אַ גרודע פון טרויער.

און ס׳ווילט זיך, ווי זיידעס פאַרצייטן,
מיט הענט ווי פארבראָכענע צווייגן,
דעם ווייטיק אויף ווערטער נישט בייטן,
נאָר זיצן און שווייגן און שווייגן.

איך האָב דאָך פאר קיינעם געשווירן
אין וואָגל פון לאנגע מעת־לעתן,
אין לאנד פון מיין נייעם געבוירן,
אַז אויב כ׳וועל מיין היימלאנד פאַרגעסן,

זאָל ווערן פארגעסן מיין אָרעם,
זאָל קלעפּן מיין צונג צו דעם גומען, —
פארוואָס־זשע אפילו אין שטורעם,
ווען הערצער און מוזעס פאַרשטומען,

זינגט אלץ מיר מיין הארץ אויס דעם ניגון
פון בענקשאפט צום היימלאנד פון טרוימען,
און ס׳זענען די קלאנגען ווי שטיגן,
וואָס פירן צו ליכטיקע רוימען?

די טרער

פון דער זון האָט אָפּגעריסן זיך א פונק —
אַ ברעקעלע, א ווונק —
און אָפּגעקילט געבליבן הענגען אינעם רוים —
אַ וואָלקנדל, א שוים.
נאָר גלייך איז דעם געוואָרן אומעטיק
אין קאַלטער לער.
ס׳האָט געפּרוווט א פּלי טאָן אויף צוריק
צו וואַרעמקייט און ליכט,
נאָר, צעשמעלצנדיק זיך, אומגעריכט
אַראָפּגעפאַלן אין דער נידער, ווי אַ טרער.

די סכנה אַלץ נאָך דויערט

פאַראַנען מענטשן בלינדע,
וואָס זעען נישט די ווונדן.
פאראנען מענטשן טויבע,
וואָס הערן נישט און גלויבן.
נאָר קאָן דען ווער אצינד פארהילן זיך אין טרויער?
קאָן דען ווער אצינד אוועקגיין זיך א מידער? —
די סכנה אלץ נאָך דויערט,
זי אין נאָך נישט פאריבער.

ווי דער אָפפלוס פון א ים
אויף א קורצע ווײַלע בלויז
פון אונדזער לעבן זי פאַרשווינדט,
נאָר באלד פונסניי זי שטייגט
און, ווי א שטורעם־ווינט,
זי ברעכט אָפּ צווייג נאָך צווייג
פון אונדזער אלטן שטאַם
און פארטראָגט די לעצטע שוועל פון אונדזער הויז.

די סכנה אלץ נאָך דויערט
זי איז נאָך נישט פאריבער.
ווי אן אונטערערדיש פייער
פון דער טיפעניש זי לויערט
אויף אַלץ, וואָס איז אונדז טייער,
און אויף דער אויסגעברענטער ערד
די לעצטע פונדאמענטן זי צעשטערט
און גראָבט אויס פרישע גריבער.

די זעלבע ערד האָט אונדז דערצויגן

די זעלבע ערד האָט אונדז דערצויגן און דער זעלבער הימל
און ביידע זענען אונדז געווען געמיינזאם טייער,
נאָר ווי זשאווער האָט געלייגט זיך צווישן אונדז אַן אַלטער שימל,
וואָס מיר ביידע האָבן נישט דערשייערט.

פאַר דיין רום עס האָבן מיינע זיידעס
זייער לעבן נישט געקארגט —
יעדע שטאָט קאָן זאָגן אויף דעם עדות,
יעדער טאָל און יעדער באַרג.

אפילו די, וואָס אויף דער וועלט זיך בלאָנקען
מיט קריוודע און פארשעמונג אין געמיט,
טראָגן אויך מיט זיך דעם אַראָמאַט פון דיינע לאָנקעס
און די מעלאָדיעס פון דיין ליד.

דאָס האָבן זיי, כאָטש שווער פארווונדיקט און באַליידיקט,
נאָר אַלץ פון בענקשאַפט־ווייַ פאַרצערט —
דיינע שטעט אין ווייטע געגנטן פאַראייביקט,
עס זאָל זיי היימיש זיין די פרעמדע ערד.

ווייל ס׳האָט דערצויגן זיי די זעלבע ערד און דער זעלבער הימל,
וואָס ביידע זענען אונדז געווען געמיינזאם טייער —
נאָר ווי זשאווער האָט געלייגט זיך צווישן אונדז אַן אלטער שימל,
וואָס מיר ביידע האָבן נישט דערשייערט.

דאָס ליד, וואָס קומט אונדז

דאָס ליד, וואָס קומט אונדז,
האָט נאָך קיינער נישט געזונגען.
אַזאַ ליד איז ווי אַ שטראָם פון פונקען,
ווי אַ קייט פון פייערדיקע רינגען.
אַזאַ ליד דאַרף מען קענען זינגען,
דארף מען קענען הערן,
ווי אַ טייך פון טרערן —
אַזאַ ליד האָט נאָך קיינער נישט געזונגען.

ער זאָל פאַר זיך אַליין שוין ווערן שיין

אין מיין שווארצער פּיין,
דעם טרויער־מאָנומענט פון אַלע צייטן,
איך שאַרף מיין ווייטיק איצט,
ווי אַ זונען־שטראַל
אין פּראָסטיקן געשוויר
פון פּוסטע ווייטן,
ווי א זילבער־קוואַל
אין פינצטערן געשטיין
פון וויסטע בערג —
ער זאָל שוין מער נישט זיין געשניצט
דורך פרעמדע הענט,
ער זאָל שוין מער נישט זיין קיין ציר
אויף פרעמדע ווענט —
און פאַר זיך אליין בלויז פייערווערק.
ער זאָל פון היינט שוין דינען מיר,
און דורך אַלע אָנגעהויפטע פלאַסטן,
דורך אַלע פרעמדע לאַסטן —
גרייכן צו דעם אָנהייב פון מיין אייגנזיין,
און נישט באַלייכטן בלויז אין ווערטער שיינע
דעם וועג פאַר אַלעמען און קיינעם —
ער זאָל פאר זיך אַליין שוין ווערן שיין.

מיר ווילן מער נישט

מיר ווילן מער נישט, אז מען זאָל פאַר אונדז די וועלט פאַרמאַכן,
ווי יעדער איינער מיר באַגערן די גאַנצע בלאָע ווייט
און פריי ארומגיין איבער אלע ברייטע שליאכן —
און נישט אויף סטעזשקעס שמאָלע ביי דער זייט.

מע זאָגט: עס זענען אָפן אַלע וועגן
און עס שיינט די זון פאר אלעמען אלציינס —
פארוואָס־זשע קומען אונדז פון אומעטום אַנטקעגן
אונדזערע ברידער מיט געוויין?

צי זענען זיי נישט צוגעווינט צו מאַרשן?
צי האָבן זיי דען מורא פאַר דער זון? —
אין זייער בלוט פאר מאָסקווע און פאַר וואַרשע
איז אויפגעגאַן די רויטע פאָן.

נישט מיט פרעמדע הענט האָבן זיי די פרייהייט זיך דערוואָרבן,
און נישט קיין ווינטן האָבן זיי פאַראַקערט און פאַרזייט —
פאַרוואָס זשע נעמען אַנדערע זיך צו אַצינד די לאָרבער
און זיי באַצאָלט מען בלויז מיט שיינע רייד?

מע רעכנט אויס זיי די פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט,
פאַרן עבר, פאַרן עתיד און פאַר יעדער צייט —
און מע דאנקט זיי, און מע לויבט זיי, און מע בענטשט זיי —
און מע הייסט זיי שטיין אַ ביסל פון דער זייט.

מיר ווילן מער נישט, אַז מע זאָל פאַר אונדז די וועלט פארמאכן,
ווי יעדער איינער מיר באגערן די גאַנצע בלאָע ווייט
און פריי אַרומגיין איבער אַלע ברייטע שליאכן —
און נישט אויף סטעזשקעס שמאָלע ביי דער זייט.

אין גלויבן

אָקטאָבער

אַזוי פיל זענען שוין פאַריבער יאָר —
דו ביסט נאָך אַלץ מיין חלום און מיין וואָר.

דו ביסט נאָך אלץ מיין אומרו און מיין רו —
אַז ווען איך זאָג: מיין לעבן, הייסט עס — דו.

מיין ערשטער פרילינג האָט מיט דיר געבליט —
מיט דיר איז אויפגעגאַן מיין ערשטיק ליד.

דיין שטורעם האָט פארזייט עס אין מיין ברוסט,
און ס׳האָט מיין האַרץ זיך נישט געווערט — ס׳האָט געוווסט:

איך וועל פון דיר אין ערגעץ שוין נישט גיין —
צי קאָן דען ווער אַוועק פון זיך אַליין?

דו האָסט מיט זון צעצונדן מיין געדאַנק,
מיין שטומקייט אויפגעבונדן אין געזאַנג

און ליכטיק אויפגעעפנט פאַר מיין בליק
דעם וועג, וואָס פירט צום שענסטן גליק.

אפילו דעמלט, ווען דער שונא האָט
מיט בלוט פארמעקט מיין יעדן טראָט,

אין טיפסטן אָפּגרונט פון מיין פיין —
עס האָט דערגרייכט צו מיר דיין שיין.

כ׳האָב געוווסט: וועסט קומען נאָך צוריק,
כ׳האָב געוווסט: אָקטאָבער איז די פאָן פון זיג.

ערשטמאַיקער פריער פרימאָרגן

1

ערשטמאַיקער פריער פרימאָרגן.
די הימלען נאָך בלוילעכע בלאַסע —
מיט פענער אין בוזעמס פאַרבאָרגן
זיי זאמלען זיך שנעל אויף די גאַסן.

ווי זונען די פנימער פלאַמען,
ווי פונקען די בליקן זיך גרוסן:
חברים, היינט גייט מען צוזאמען
אויף קראָקעווער פאָרשטאָט זיך שליסן!

און ס'קוועלן די ווערטער ווי שטראָמען
דורך שטילקייט פון גאַסן און סקווערן —
היינט גייט מען, חברים, צוזאמען —
און הערצער מיט ציטער זיי הערן.

און דזשיקע און מוראַנאָוו גייען,
דורך בלוטיקער וואָר ווי אין חלום,
צו ניי־וועלט, צו ברייטע אַלייען,
מיט לידער פון פרייהייט און שלום.

2.

זיי זענען שוין אַלע נישטאָ מער.
אויף היימען פאַרוואַקסן מיט גראָזן
גייט אום בלויז אַ שטילער געיאָמער
און ווינטן פאַראיינזאמטע בלאָזן.

זיי זענען איצט אַלע נישטאָ שוין,
נאָר איבער די אַשיקע שטויבן
נאָך ציטערט דאָס יידישע לשון,
נאָך גליט זייער פלאַמיקער גלויבן.

אָ, טרוימער פון סטאַווקי און מילע,
מיט אויגן צעגליטע ווי שטערן,
די לידער פון אייערע פרילינגס
פון אונטער די חורבות מיר הערן.

מיר נעמען זיי מיט די געטרייע,
ווי דאַן אין די היציקע שטרייטן,
אויף ליכטיקע וועגן אויף נייע
זיי זאָלן אונדז ווייטער באַגלייטן.

אַ פאַרגלויבטער כ׳בין צו דיר געגאַנגען

אַ פאַרגלויבטער כ׳בין צו דיר געגאַנגען,
נישט נאָר מיט האַרץ אין פלאַמען —
אויך מיין געדאנק האָסטו געפאַנגען,
באַהאַפטן האָבןביידע זיך צוזאַמען.

כ׳האָב געזען אין דיין שטרענגען ווילן
די ליבשאפט צו דעם מענטש,
און אלע מיינע בענקשאפטן, חלומות שטילע,
האָבן מיינע טריט צו דיר געבענטשט.

האָסט מיין טרויער־ליד אַ העלן זין געגעבן
און אַ באַשייד — מיין יוגנטלעכן טרוים,
און מיט קלאָרקייט אָנגעפילט מיין לעבן,
ווי מיט ליכט איז אָנגעפילט דער רוים.

און ווען עס האָט די פיין פארטונקלט מיינע וועגן
און דער וויי צעפלאָנטערט מיינע טריט,
כ׳האָב מיין יוגנט־חלום נישט געזעגנט
און דעם גלויבן אין מיין הארץ פאַרהיט,

אַז איך וועל צו דיינע הייכן
אויך דורך אָפגרונטן דערגיין
און די פרייד דורך פיין דערגרייכן,
און אין קראפט פארוואנדלען מיין געוויין.

אַ פאַרגלויבטער כ׳בין צו דיר געגאַנגען
און אין גלויבן דיר דאָס ליד געשריבן.
און איצט, פון ווינטן האַרבסטיקע געפאנגען,
איז דאָס ליד מיר נאָך געבליבן.

פרילינג אין ווארשע

ווי באַרגיקע שטראָמען רוישן די גאַסן
מיט ריטם פון ארבעט,
פון רושטאָוואַניעס — פילשטאָקיקע שטייגן —
פיקן זיך אויס יעדן טאָג פּאַלאַצן ווייסע,
ווי ריזיקע פייגל אין א קינדערשער מעשה.
אַ ווײַלע זיי שטייען פאַרגליווערט אין שווייגן,
פארקוקט אין די חורבות דערנעבן,
ווי אין א פינצטערן חלום.
נאָר באלד קומען אָן מיט זיידענעם פלאַטער צו שוועבן
מחנות פון טויבן
און ברענגען אין שנאָבלען בשורות פון שלום.
דעמלט צעשיינען פון פרייד זיך די שויבן —
א הימל מיט שטערן —
וואָס אַלע אויף וואָר אונדז געהערן.

אַ בריוו צו אַ פריינד

גערענקסט אוודאי יענע פּרילינגס־צייט,
וואָס האָט זיך ווי באַרוישט געוויגט
צווישן וואָר און חלום,
ווי אַ הענגענדיקע בריק.
מיר זענען באָרוועסע געגאַנגען איבער איר,
טראָגנדיק די טעג ווי הענגלעך טרויבן,
נאָך נישט צייטיקע, נאָר פול מיט יונגן ווײַן
און מיט נעפּלדיקער הויך פאַרצויגן.

אין רעדער פאַרביקע
זענען די געפאָרן אונדז דעם וועג פאַרלאָפן,
די לויערנדיקע ווײַטן
האָבן זיך געצויגן אין אין־סופן,
נאָר יונג און גלויביק
איז געווען אונדזער ליד,
און טויזנטער
האָבן עס אין האַרץ פאַרהיט.

געדענקסט אוודאי יענע פּרילינגס־צייט —
ווי ווײַט זי איז אַצינד, ווי ווײַט!
אין צווישנצייט
האָבן כמאַרעס ווי לוויהס
די בלאָע הימלען אונדז פאַרנומען,
אויף אונדזער וועג האָט זיך די פינצטערניש פאַרטאַיעט,
דאָס ליד האָט שטיל געצאַנקט אין שקיעות שטומע,
און די זון איז אַ געקעפּטע צווישן זיי געשוואומען.

דאָך איז שווער מיר אַלץ צו גלויבן,
אַז ס׳קאָן די נאַכט פאַרמאָלן ווען אויף שוואַרץ
די זון, וואָס איז געבוירן דאַן אין אונדזער האַרץ,
אַז ס׳קאָן דער וויטיק אונדזער ליד פאַרטויבן,
און ווי אַמאָל, אין יענע יונגע טעג,
עס איז נאָך אַלץ באַרוישט מיין זין,
און אויף יעדן שיידע־וועג
איך וואַרט מיט ציטער אויף באַגין.

צ יי ט נ וו יי ז . . .

ציַיטנוויַיז איַיך טרעפט אַזוי:
אַ מענטש פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ־ווו,
ווען וועגן זענען בלינד און הימלען זענען גרוי
און ווי אַן אורטייל שלאָגט אויס יעדע שעה.

זיַינע פריַינד, פאַרבליבענע אויף וואַך,
ראַנגלען זיך מיט פינצטערניש און האַס,
ציַינדן זייער וואָרט, ווי שיַיטערס אין דער נאַכט,
טראָגן זייער האַרץ אַרויס אין גאַס.

און זייער יידיש ליד,
הייס אַזוי ווי בלוט
און מיט פיַין געלאָדן, ווי מיט דינאַמיט,
איז אויף קיינעמס נישט באַראָט.

אין אַזאַ־אָ צייט
טרעפט, אַ מענטש פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ־ווו,
און ס׳ציטערט נאָך זיַין שאָטן אויפן וועג,
נאָר ער אַליין איז שוין נישטאָ.

* * *

„אַלע טייכן פאַלן אינעם ים״ *
און עס טראָגט דער ים זיי צו אַ ווייטן ברעג.
אויך מיט מענטשן טרעפט אַזוי מסתּם —
עס גייט אַ מענטש אַמאָל פון זיינע פריינד אַוועק.

ער גייט אַוועק פון זיינע אַלטע פריינד,
צו אַ נייער אויסגעוויילטער וואָר,
נאָר ס׳איז זיין גאַנג אין העלער שיין
און זיין וואָרט איז קלאָר.

ער זאָגט: איך גיי אַוועק פון אייך אויף לאַנג
נישט ווייל אייער פריינדשאַפט איז מיר שווער,
נאָר ווייל אַן אַנדערשדיק געזאַנג
עס האָט מיין האַרץ אַצינד דערהערט.

און ווייטער אַלץ און שטילער ווערן זיינע טריט
און מיט אומעט ווערט פאַרוואַקסן זיין פאַרלאָזן אָרט,
דאָך בלייבט דאַן צווישן פריינד דער עכאָ פון זיין ליד
און זיין דרייסט און ערלעך וואָרט.

*) פון ביאַליקס „ים“ — א ליד.

פונוואַנען, פּרעגסטו

פונוואַנען, פרעגסטו, קומט די האָפענונג אַצינד,
פונוואַנען קומט דער גלויבן פון דאָס ביי,
ווען ס׳שטייט מיין היים נאָך אליין — אַ סוכה אויפן ווינט,
און מיין גורל — ווי א בעטלער אין דער ריי,

ווען פריינד, וואָס דארפן איצט באַלייכטן מיינע טעג
נאָך יאָרן פינצטערע פון שטומער פּיין,
פארלעשן גאָר די שטערן אויף מיין וועג,
פאַרווערן מיר די שיין,

און ס׳וואכן ווידער שאָטנס ביי מיין טיר
און צייכענען מיט חושך מיין געזיכט —
פונוואַנען, פרעגסטו, קומט די זיכערקייט צו מיר,
אַז די נאַכט איז בלויז אַן ערב־ליכט?

אָ, גלויב, עס איז מיר גאָרנישט אַזוי לייכט
דורך פינצטערניש צו קלאָרקייטן דערגיין,
איך האָב אין ווייטיק דאָס דערגרייכט,
אַז כ׳בין נישט איינציק און אליין,

אַז אין געצעלטן ווינען מענטשן נאָך אַ סך,
און גורלות פיל נאָך וואַרטן אויף באַשייד,
אַז אויך צווישן פריינד איז נאָך דער שונא וואַך
און יעדעס ליכט מיט חושך ער באַגלייט.

און דאָך איז אים געוועלטיקן שוין נישט באַשערט,
און נישט מיט שאָטנס שמידן אונדז די הענט.
ווי וונדן ברענען זיינע טריט אויף אונדזער ערד,
ווי קין וועט ער זיין דורך אַלעמען דערקענט.

פונדאנען קומט די האָפענונג באַנייט,
פונדאנען שטאַמט דער גלויבן אין געמיט,
און פון צייט צו צייט
אויך זייער אָפּשיין אינעם ליד.

גלויב נישט

גלויב נישט, אז ס׳זענען די רודערס פארלוירן
און ס׳יאָגן די כוואַליעס אין שטורעם אליין —
מיר אלע, וואָס האָבן דעם שטורעם געבוירן,
מיר וועלן דורך אים צו די ברעגעס דערגיין.

גלויב נישט, אז ס׳זענען די לוחות צעבראָכן
און ס׳ליגן די אותיות אויף הפקר צעשיט —
די הייליקע שריפט פון פארשטאַנד און בטחון
מיר האָבן אין הארצן אויף שטענדיק פארהיט.

מיט זיך אליין

מיין ליד

ווי אַ ווייסער פויגל פליט פון בארג ארויס דער קוואַל —
אַ ליכטיקער און ריינער —
נאָר שוין זיין ערשטער טראָט איז וואסערפאַל
און זיין ווייטערדיקער גאנג —
דורך שטרויכלונגען און שטיינער.
און ווען ער קומט צום בלויען ים,
איז אויסגעלאָשן שוין זיין זילבערדיקער פלאַם
און זיין שטאָלץ געזאנג
איז מורמלנדיק און מיד.

צי איז אזוי דען נישט מיין ליד?
עס שלאָגט ארויף זיך אין געדאנק,
ווי א שטום געבעט,
ווי אַ פויגל צו די הייכן,
מיט פלאַמיקן פארבענקטן בליק,
מיט אומעטיקער פרייד
און לויכטנדיק געוויין,
נאָר יעדעס וואָרט איז ווי א שטיין
און ציט צוריק,
און לאָזט עס נישט צום הימל גרייכן.

די שטערן ווייַנען

די שטערן ווייַנען אין דער נאכט א שטום געוויין,
וואָס קיינער קען עס נישט דערהערן.
נאָר זייערע צעגליטע טרערן
אין פרי־פארטאָגיקן פארגיין
צינדן אלע הימלען אָן אין פלאַמען,
פילן אָן מיט אומרו אַלע טייכן,
וועקן שטורעמס איבער אַלע ימען
און אין בענקשאפט זיי דערגרייכן
צו די זילבערדיקע קרוינען פון די בערג.
ערשט דעמלט, קומענדיק אהין,
צום קילן לויטערן באַגין,
לעשט זיך אויס זייער שטום געוויין
ווי א פייערווערק
אויף א נאקעטן און הוילן שטיין.

פארנאכט אין צוג

צי איילט מיין צוג פאָרויס אזוי געשווינד,
צי איילט די זון געשווינדער נאָך צוריק? —
איך קיל מיין מידן שטערן אינעם ווינט,
די אָוונטיקע זון ציטערט אין מיין בליק.

די לעצטע רויטע שיין מיין אויג פארבלענדט,
דער בלאָער אומעט טריפט אין הארצן בלינד,
א שטראל גייט אויס אויף מיינע בלאסע הענט,
די אָוונטיקע זון ציטערט אויפן ווינט.

צי איז דער שיינער חלום וועגן ליכט
אַ חלום נאָר געווען, נישט מער? —
איך וואָש אין ווינט מיין אומעטיק געזיכט,
די אָוונטיקע זון ציטערט ווי א טרער.

כ׳האָב מיין פרייד פאַרלוירן

כ׳האָב מיין פרייד פאַרלוירן
אין אַ נאַכט אַ שווארצער,
ווי אַ דימענט אין אַ ברונעם —
צי וועט דער יונגער טאָג זי ווידער נאָך געבוירן,
צי וועט דער גלויבן פון מיין הארצן
ווידער זי געפינען?

אַ פאַרשווערונג אַ געהיימע
האָט פארלאָשן מיינע שויבן,
האָט פארטונקלט מיינע רוימען,
און אויף פרילינגדיקעביימער
ווי דערשטיקטע טויבן
אויפגעהאָנגען מיינע טרוימען.

אַ זיפּ צעלעכערט
איז מיין נאַכט פון שרעקן,
איז מיין נאַכט פון פיינען,
און מיט גיפט פון אַלטע בעכערס
טריפט די פינצטערניש פון אַלע עקן —
צי וועט מיין פרייד נאָך ווען אויפשיינען?

צי האָב איך זי אויף אייביק שוין פארלוירן
אין דער נאַכט דער שוואַרצער,
ווי א דימענט אין אַ ברונעם,
און דער יונגער טאָג וועט זי מער שוין נישט געבוירן,
און דער גלויבן פון מיין הארצן
וועט זי מער שוין נישט געפינען?

ווי אַן אַלטער טרייער הונט

ווי אן אלטער טרייער הונט
ליגט דער ווייטיק פאַר מיין שוועל.
נאָר שטערט איך נישט,
אָ, ליבע פריינד,
שפרייזט אים דרייסט אריבער.
ער איז פון אלטקייט טויב,
ער איז פון אלטקייט בלינד,
און מיט דער יונגער פרייד
ער הויזט בשלום.
און אויב עס טרעפט אַמאָל
זיין ביטערניש שוימט אויף פונסנייע,
איז עס בלויז אין חלום.

אָט שטייט מיין לעבן מיר אנטקעגן

אָט שטייט מיין לעבן מיר אנטקעגן,
ווי אַן אויסגעהאַקטער וואַלד —
פאַר די ווינטן אָפן, פאַר דער זון און פאַרן רעגן.
די טעג, ווי בלעטער אויסגעכאָוועטע אין ליכט,
ליגן איצט צעקנייטשט און אַלט,
אַ וויאַנענדיקער שיכט
אויף שימלנדיקע מאָכן.
די שיכורע באַרוישטע וואָכן,
ווי בעכערס זילבערנע מיט שוימענדיקן ווײַן,
זיצן איינגעהויקערטע אויף אָפּגעהאַקטע שטאַמען —
זקנים איינגעשרומפּענע פון פּיין
מיט מוטנע טרערנדיקע אויגן.
און די זינגענדיקע פייגל זענען זיך צעפלויגן
איבער אַלע ווייטע ימען.

די ערד איז אייביק גרין

די ערד איז אייביק גרין, דער הימל שטענדיק בלוי,
און יונגע זענען תמיד די שורות פון אַ ליד.
אויך מיין גורל איז אזוי —
איך בוי און בוי און ווער נישט מיד.

ווערט אַ בוים פארשניטן, בלייבט זיין וואָרצל אין דער ערד,
ווערט אַ בלום פאַרוויאנעט, קומט אַ צווייטע אין דער ריי,
וויפל מאָל מען האָט מיין לעבן שוין פארווערט —
כ'הייב עס ווידער אָן אויפסניי.

די ערד איז אייביק גרין, דער הימל שטענדיק בלוי,
און יונגע זענען תמיד די שורות פון א ליד —
נאָר קאָן אַ מענטש דען אויך אזוי
אָן אויפהער זיך באנייען און נישט ווערן מיד?

ווערט אַ בוים פארשניטן, בלייבט זיין וואָרצל אין דער ערד,
ווערט אַ בלום פארוויאנעט, קומט א צווייטע אין דער ריי —
נאָר וויפל מאָל דען קאָן אַ לעבן זיין פאַרווערט
עס זאָל געבוירן זיך אליין פונסניי?

וויפל וועגן האָט דער אמת?

וויפל וועגן האָט דער אמת?
וויפל הינטערוועגן? —
אַלע זענען מיר געגאַן אנטקעגן.
יעדער איינער מיט אַ רמז
האָט געצויבערט מיין געמיט.
איך האָב אויסגעקליבן איינעם,
דעם, וואָס אלעמען פאראייניקט,
און דעם איינעם כ׳האָב פאַרהיט.

כ׳בין מיט אים געגאַן דורך יאָכן,
דורך שטילע טעג און שטורעמס,
און ווען אפילו מיינע אָרעמס
האָבן מידע זיך פארבראָכן —
כ׳האָב אים קיינמאָל נישט פאראָטן.
פארוואָס זשע איצט, אין ליכטיקן סאכאקל,
איז מיין טראָט אַזוי צעוואקלט
און מיין פרייד אזוי פארשאָטנט?

ווי אזוי איז דאָס געשען ?

ווי אזוי איז דאָט געשען,
אַז מיין טאָג זאָל ווערן פרעמד מיר,
אַזאַ מאָדנער נישט דערקענטער,
אַז די נאַכט זאָל זיין מיר נענטער
און מיר נאָכגיין מיט איר שאָטן,
ווי דער חלום פון מיין יוגנט,
וואָס איך קען אים נישט פאַראָטן,
וואָס איך קען אים נישט דעריאָגן?

ווי אַזוי איז דאָס געשען,
אַז דער העלסטער פון די שטערן,
וואָס איך אליין האָב אים געבוירן,
וואָס איך אליין האָב אים דערצויגן,
האָט פארלאָשן מיינע אויגן,
האָט זיין אייגן ליכט פארלוירן
און דערטרונקען זיך אין טרערן?

ווי אַזוי איז דאָס געשען,
אַז אַ בוים, וואָס מ׳האָט פארשניטן,
זאָל זיין שענסטע ליד פאַרהיטן
פאַר דער האַק און פאַר דעם העקער,
אַז די ווירדיקסטע פון מענטשן
זאָלן קניענדיקע בענטשן
די גוואַלדטאַט און דעם שקר?

תיקו!

אויך מיך האָט דער אמת געמיטן

אויך מיך האָט דער אמת געמיטן
און אויך מיינע גלויביקע יאָרן,
וואָס האָבן ווי סטרונעס געשפאַנטע
געציטערט מיט פרייד פון געפאַרן,
וואָס האָבן אויף וואָר און אין חלום
געזען די טריט פון באַפרייער,
וואָס גייט שוין,
וואָס קומט שוין,
וואָס איז שוין געקומען,
פאַר אַלע,
פאַר אַלע,
מיט דרייסטע, פילשפּראַכיקע לידער,
מיט ווערטער פון טרייסט און פון ליבע
פון ברידער צו ברידער.

אויך מיך האָט דער אמת געמיטן
און אויך מיינע גלויביקע יאָרן —
איצט הענג איך א פידל מיט סטרונעס געפּלאַצטע
אויף צווייגן פון שטורעמס צעבראָכן,
וואָס ציטערן אויס פאַר די ווינטן
פאַרגעסענע אַלטע מעלאָדיעס.
זיי הערן דיביימער אין שטומער פאַרטראַכטקייט,
זיי הערן די פייגל אין נאַכטיקן טרויער,
און דער זקן דער וואַלד
שאָקלט צו מיט די לאָקן די גרינע
אין קלוגן באַדויער.

כ׳בין אַצינד ווי א גאָרטן אין באגין

כ׳בין אַצינד,
ווי אַ גאָרטן אין באַגין ——
פול מיט ציטערדיקער שיין
און מיט שאָטנס פון דער נאַכט.
ווי זאפט איןביימער
רוישט דאָס בלוט אין מיינע גלידער.
ווי טוי אויף בלעטער
פינקלען אויף די ווייס מיינע
טראָפּנס ליכט.
צי איז דאָס שוין די שיין פון יונגן טאָג,
צי נאָך אלץ די טרערן פון מיין מאַמען?
און אפשר ביידע גאָר צוזאמען?

דאָס וואָרט

עס קומט אומגעריכט פון די טונקעלע תהומען
אויף ראַנד פון מיין זינען אין נעפּל פאַרשפּינט. —
אַ בלאָנדזשענדער שטערן אין נאַכטיקע רוימען
בליצט ליכטיק אַדורך און אין ווייטקייט פאַרשווינדט.

נאָר ס׳גייט שוין מיין האַרץ נאָך זיין זילבערנעם שימער
אין שטילער דערוואַרטונג אויף העלן באַשייד —
אויף נאַקעטן דיל פון מיין טונקעלן צימער
אַ יום־טוב־שיין בלויע מיט מילדקייט זיך שפּרייט.

און ס׳דוכט זיך פונסניי מיר, אז כ׳וועל נאָך דעריאָגן
מיין קינדערשן חלום אין סוף פון די טעג,
און ס׳וועלן נאָך ציטערדיק־לעצטע פאַרטאָגן
באַשיינען מיט פרידן מיין איינזאַמען וועג.

אינמיטן פון טעגלעכע וואָכיקע זאָרגן,
עס גיט נישט די זעונג קיין רו מיין געמיט —
מיין האַרץ ציטערט שטיל ווי א בלאַט אין פרימאָרגן,
מיין בלוט זינגט אַן אומעטיק, אויסטערליש ליד.

צום אָנדענק פון יוליאַן טוווים

האָסט געקענט די ליבע, וואָס באַהאַלט זיך
אונטער שפּאָטישן געזיכט;
האָסט געקענט די צאַרטקייט, פאַרגעשטאַלטיקט -
אין א בייסיקן געדיכט:

און דעם מילדן טרויער, וואָס באַגלייט שטיל
יעדע רוישנדיקע פרייד,
און דעם טיפן ווייטיק, א פארקליידטן
אונטער שפּילעוודיקע רייד —

האָסט געקענט די אומעט־שפּיל די שיינע
צווישן הארצן און געדאנק,
וואָס האָט פארברידערט דיך מיט היינען
און זיין וואונדערלעך געזאנג.

נאָר ווען אויף ווייטער פרעמדער ערד דו האָסט
אין דיין היימלאנד זיך דערמאָנט,
האָבן דיינע ווערטער אויפגעליכטיקט פראָסט,
ווי די הימלען פון דיין לאַנד.

די טעג פארשוואונדענע פון פרייד און פּיין,
וואָס האָסט אין איינזאמקייט פארהיט,
זענען אויפגעגאַן מיט טרייסטנדיקער שיין
אין דיין אומעטיקן ליד.

האָסט ווי בלומען זיי צונויפגעקליבן
אין צייט פון טרויער שווארצן,
און מיט ווערטער סאמע פשוטע פארשריבן —
דאָס שענסטע ליד פון הארצן.

איצט ווען דיינע בלומען בליען אומעטום
אויף דיין אויסגעבענקטער ערד,
דיין היימלאנד־ליד, די שענסטע בלום —
צום גאנצן פאָלק געהערט.

אין די בערג

אַ גאַנצן טאָג זענען די בערג געווען
דורכזיכטיק און קיל
ווי טונקעלער קרישטאָל
און פארשלאָסן אין זיך אליין.
און די ביימער
פון אונטן אין טאָל
זענען געשטאַנען שטיל
און אומעטיק פאַרטראַכט
ווי אין אַ תפילה א געהיימער.
נאָר פארנאכט
האָט די זון אָנגעטאָן די בערג
אַ גילדענע קרוין
און מיט די לעצטע שטראלן
ווי מיט סטרונעס
פאַרצויגן דעם רוים.
און אומגעריכט
איז דער אומעט פון די ביימער פארשווונדן
און זיי האָבן זיך פריילעך צעצונדן
ווי יאָנטעוודיקע ליכט.

צו אָוונט צו
האָט די זון אראָפגענידערט
צום פארחלומטן סטאַוו
צו באָדן איר הייסן מידן גוף
אין זיינע וואסערן קילע.
ארום האָבן די ביימער זיך געשטעלט אויף וואך.

נאָר דער סטאַוו האָט קיין דנאָ נישט געהאַט,
זיין טיף האָט דערגרייכט ביז צו די שפּיצן פון בערג
און נאָך ווייטער, ביז אין די הימלען,
און די זון האָט אויף איין רגע בלויז
זיין שטילע אויבערפלאך צעצונדן
און אויף אייביק פארשוואונדן.

בערג און וואַלקנס

מיט קרומע שורות בערג,
לענגערע און קורצע,
ווי א ליד פון מאַיאקאָווסקין,
איז פארשריבן דער גאנצער האָריזאָנט.
טייל פון זיי, אין סאַמע פראָנט,
איז איינגעהילט אין סאַמעטענע בלאָע נעפּלען —
עכטע ליריק.
אנדערע ליגן אָפּגעדעקט,
נאָר ווי שפּילנדיק זיך בכיוון אין פאַרשטעלעניש
מיט שאָטנס און מיט פארבן,
ווי משלים.
פאראן אויך נאקעטע, ניכטערע און גרויע,
ווי פּאָליטישע סאַטירעס.
הינטער זיי גאָר ווייט
הויערן געהיימניספול און שווער
פון איין עק הימל ביז אין צווייטן,
ווי פאַרגליווערטע שטיקער נאכט —
הויכע ריזן —
דער עפּאָס פון די בערג.
אַ ווילדע שיינקייט פון אַ ווערק
אָן ריטם און אָן גראַם,
אָן פּינטעלעך און פּונקטן,
וועלכע האָבן זיך צעבונטעוועט
קעגן יעדן גראמאַטישן טעראָר,
און אין געשטאַלט פון פייגל

זיך צעפלויגן אין דעמער פון פארנאכט
צווישן אלע שורות פון די בערג.

פלוצים שווימט ארויס פון אונטערן האָריזאָנט
אַ באַפליגלט פערד אין א זילבערנעם געשפּאַן.
די לייצעס האַלט א הויכער דאַרער מאַן
מיט לאָקן גילדענע און א קרוין פון שטראלן אויפן קאָפּ.
זעט אויס, דער שעפער פונעם גאנצן ווערק —
דער הימלשער פּאָעט.
ער שטייט א רגע אומבאוועגלעך,
באטראכט מיט גאווה זיין באשאף
און הייבט פּאַמעלעך אויף
אַ שלאנקע זיגערישע האנט.
נאָר איידער נאָך ער שטרעקט זי אויס,
קריכט פון הינטער אים ארויס א צווייטער מאַן,
אַ דיקער, טונקעלער און שטרענגער —
זיכער דער פארלעגער.
און ס׳הייבט דער דיכטער אָן זיך איינצוקורטשן און פארגיין.
צוערשט שווימט פון אים אוועק די קרוין.
שפּעטער די לאָקן גילדענע.
דערנאָך פארשווינדט ער שוין אליין.
דער צווייטער ווידער וואַקסט אַלץ מער און מער,
ווערט גרעסער, גרעבער,
און פאַרנעמט דעם ערשטנס גאנצע אָרט.
אָבער נישט אויף לאנג.
פון ווייטער בלאָער הויך
רוקט זיך אָן א פארמבולדיקע חיה
פון פלאם און קנוילן רויך,
באַפאַלט דעם רייטער מיט זיין פערד —
און אלע קומען אום אין שלאכט.
נאָר פון זייערע רואינען
ווערט געבוירן אויף דער שוועל פון נאַכט

אַ טונקלע שלאַנקע פרוי
אין נעפּלען ראָזעווע פאַרשפּינען,
וואָס שווימט אוועק נאָך לייכטער פון אַ חלום
אין דער זייט, ווו עס ליכטיקט נאָך דער הימל.

אָט אזוי, אפילו אין א הימליש ווערק,
אָן ריטם און אָן גראַם
איז — cherchez la femme

אייביקייט

די בערג, די טאָלן און דער וואַלד,
די תבואה־פעלדער און דאָס גראָז,
דער הימל און די ערד,
דאָס וואסער און דער שטיין —
דאָס אלץ בין איך אליין,
נאָר אין אַן אנדער ווערט,
אין אַן אַנדער מאָס,
אין אַן אַנדערער געשטאַלט.
דאָס איז נישט דרויסן, נישט נאַטור —
דאָס איז מיין חלום אויף דער וואָר.

און פונקט ווי זיי כ׳וועל קיינמאָל נישט פארגיין —
דורך דורות־ כוואליעס פליסן אָן אַ סוף,
דורך פלאַסטן פרישע וואקסן פון דאָס ניי,
דורך פריילינגעין זיך טוישן אָן אַן ענד —
כ׳האָב אין זיי מיין אייביקייט דערקענט,
דערזען אלץ אין זיך אליין —
דאָס פאַרברעכן און די שטראָף,
די קנעכטשאַפט און די פריי —
און כ׳וויס, ס׳איז דאָס לעבן כסדרדיק געזאַנג,
און דער טויט בלויז איבערגאנג.

נייע ווערטער

עס קוועלן נייע ווערטער אָן אין מיר,
ווי זאפטן אין אַן אָפּגעהאקטן שטאַם,
און גייען אין מיין בלוט ארום,
ווי אין ווינט אַ וואָגלדיקער פלאַם.

איך האָב קיין ריטם נישט פאר זיי,
ווי ס׳האָט דער שטורעם נישט קיין צוים.
זיי ברענען אויס אין זיך אַליין,
ווי פאלנדיקע שטערן אינעם רוים.

באַר פול מיט גלויבן איז מיין האַרץ,
אַז ביז דעם אָנקום פון מיין שפּעטער שעה
כ׳וועל גרייכן נאָך צו יענער קראַפט,
וואָס הילט אויך שטורעמס אין אין רו.

דער טויט פון אַ קינד

דרויסן שיינט דער טאָג און אַלע ביימער בליען —
ווי אַ גאָלדענע פּאַווע גייט די זון אום אויף דער ערד.
אין זיין טונקלען צימער פון פרימאָרגן פריען
זיצט דער פאָרשער אין פארגאנגענהייט פארהערט.

פון די געלע בלעטער זונען צו אים ווינקען,
נישט פאַרלאָשענע — פאַרבאָרגענע פון אויג.
איבער זיי זיין גראָער קאָפּ פארזינקען.
ווי אַ בין זיין שארפער בליק זיי זויגט.

דאָ איז אַלץ פאראנען: זונשיין, ווען דער שכל איז אַ קלאָרער,
דעמערונג, ווען ס׳נעפּלט דער געדאנק.
ביימער בליען גאנצע קיילעכדיקע יאָרן,
און ס׳הערט דער קוואַל נישט אויף זיין לויטערן געזאנג.

דער פאָרשער הערט אין זיי די ווייטע שטים פון דורות,
דורך אים זי שטראָמט פון עבר אין אַצינד —
און ס׳לייכטן אויף ביי אים געדאנקען ווי מנורות —
צי הייסט עס נישט — פון טאַטן צו זיין קינד?

איצט דערפילט ער אין זיין בלוט דעם המשך פון די צייטן,
פון די געלע בלעטער שיינט ארויס זיין אייגן לייב און ליכט
און גיסט צוזאמען זיך בנשיקה מיט דעם עבר ווייטן.
און פּלוצים... ווער האָט פאַרלאָשן אַלע זונען אומגעריכט?

ווער האָט אָפּגעהאקט די פעדעם, וואָס פארבינדן?
ווער האָט אָנגעפילט מיט פינצטערניש א טאַטנס הארץ?
דרויסן וויינט דער הימל און עס קלאָגן אלע ווינטן
און די געלע בלעטער פונעם עבר זענען שוואַרץ.

אומרו

דו

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ ליד:
אומרו פיבערדיקער,
בענקשאפטן אומקלאָרע
און אַ ווייטער נעפלדיקער וועג.
אין דעם נעפל האָט אַ ניגון זיך צעבליט,
און דאָס האַרץ פון זיינע קלאַנגען שיכור,
האָט אויסגעטאָן פון זיך די גרויע יאָרן
אויף אַ ווייסן בלאַנקענדיקן ברעג.

ס׳האָט זיך אויך פאַרענדיקט ווי אַ ליד:
אין ציטער פון דערוואַרטונג
האָט דער ניגון זיך אַלץ דייטלעכער דערהערט,
זיין אומרו האָט פאַרוואַנדלט זיך אין רו,
זיין קלאַנג אין זינגענדיקע טריט.
דאָס אומבאַשטימטע און געגאַרטע
האָט זיך אויסגעשיילט מיט אַלע חנען פון דער ערד —
און געוואָרן איז עס — דו.

אין שפעטער שעה

די שטילקייט שוימט ווי איידלער וויין,
די לופט איז פול מיט לויער.
פארטאיעט ווארט אַ בלאַסע שיין,
די טיר אין שפאנונג דויערט.

אַן אומרו וואקסט אין שויס פון רו,
א הייסער רוף אין הארצן.
נאָר ס'איז שוין שפעטע אָוונט־שעה,
די הימלען זענען שווארצע.

און אפשר ווארט אויך זי אצינד,
פון חושך אַ געשמידטע,
און שיקט איר גרוס מיר דורכן ווינט,
און שיקט איר הייסן ציטער?

די נאכט איז בלינד און פול מיט סוד,
מיט שאָטנס פול די שטיבער,
דער חושך האָט פאַרמעקט די שטאָט,
דער חלום איז פארבליבן.

ס׳איז געשען ערגעץ ווייט

ס׳איז געשען ערגעץ ווייט אין אַ זוניק לאַנד.
זי האָט מיך אָנגערירט מיט ליבע פאַר דער האַנט,
און איך בין פּלוצים יונג געוואָרן פון דאָס ניי.
נאָר באלד איז זי פאַרביי,
ווי ס׳גייט פארביי אַ ווינט
אַ לעכצנדיקן בוים
מיט צווייגן דורשטיקע ווי בעטנדיקע הענט,
ווי ס׳גייט פאַרביי אַ טרוים
אַן אויסגעהונגערט קינד
מיט זעט פון רייכע ווענט.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט צוריק.
ס׳איז געווען נאָך נאַכט.
ארום מיין בעט געהאלטן האָבן וואַך
אַלע מיינע בענקענדיקע יאָר.
נאָר אין מיין בליק
האָט געשמייכלט ניכטער שוין די וואָר.

כ׳האָב אזעלכע רייד צו דיר גערעדט

כ׳האָב אזעלכע רייד צו דיר גערעדט —
נאָך שטילערע פון א געבעט
און הייסערע פון טרערן —
כ׳האָב זיי אויסגעטראָגן דורך אַ גאַנצע נאַכט
אין ציטערדיקע שטערן
און פרי־פאַרטאָג צו דיר געבראַכט.

נאָר קעגן טאָג זענען זיי שוין בלאַס געווען
און דו האָסט זייער קלאָרקייט נישט דערזען.
ווי פארטאָגיק ליכט
האָט דיין שמייכל קיל
און אומגעדריכט
א שפּראָץ געטאָן פון דיינע ווייסע ציין —
און איך בין שטיל
אַוועק צוריק צו זיך אַליין.

פרעמדע שיין

ווי טראָפּנס רעגן אויף א טרוקן פעלד,
געפאלן זענען אירע רייד אייליק און געדיכט
אויף זיין אומעטיק געמיט.
איר פייכטער בליק האָט נאָכאַנאַנד געטונקלט און געהעלט,
אַ דינע נעץ געשפּינט
פון שאָטנס און פון ליכט,
און ווי א בלום אין ווינט,
האָט איר שמייכל זיך געלאָשן און צעבליט.

אנטקעגנאיבער האָט אַ בלאָנדזשענדיקער שטראל
געשפּילט זיך מיט אַ יעשיענדיקן בוים,
אויף רענדלעך גאָלד פארטוישט זיין געלן בלעטערפאל
און אָנגעטאָן אין שיין זיין וועלקנדיקע קרוין.
און ס'האָט א רגע זיך געדאכט:
ערב זיין פארגיין,
אין דעמער פון פארנאַכט,
האָט אויפגעשיינט אַ בוים פון זיך אליין.

אין קינאָ

ווי אַ מילדער פאַרנאַכט נאָך אַ זוניקן טאָג
ליגט אַ מידקייט־אַצינד אויף דיין בלאַסן געזיכט,
נאָר אויפן עקראַן איז איצט פריער פאַרטאָג
און עס שפּרייט זיך אַרום אַזאַ וווּנדערלעך ליכט.

איך זאָג צו דיר: זע, די שיין פון עקראַן
איז פּונקט אַזוי בלוי, ווי מיין בענקשאַפט צו דיר,
און דו ענטפערסט מיר: שאַ, איצט פאַרלאָזט זי דעם מאַן
און גייט אַזוי אומעטיק אָפּ צו דער טיר.

איך זאָג צו דיר: קינד, דו הערסט ווי די פרייד
פלאַטערט אום אין מיין בלוט, ווי פאַרטאָגיקער ווינט?
און דו: זע, נאָר זע, ווי זי גייט און זי גייט
און נאָך איר גייט נאָך שטיל דאָס געשטאַלט פון איר קינד.

ס'איז טונקל אין זאַל, מיר זיצן באַנאַנד.
איך זאָג צו דיר שטיל: זי גייט נאָך איר גליק,
נאָר פּלוצים איך פיל — אַ טרער אויף מיין האַנט,
און עמעצנס שטים: זי וועט קומען צוריק.

דער שאָטן פון אַ וועג

מיר האָבן אויפגעשנירלט טראָפּנס שיין,
ווי פּערל אויפן פאָדעם פון דער צייט
אין באַרוישטע טעג.
נאָר הינטער זיי אין בייזער ווייט
לויערט ווי אַ שלאַנג דער שאָטן פון אַ וועג
מיט ברונעמער פון פּיין.

מיר האָבן בלויז אַ קערנדל פּאַרזייט
איז אויסגעוואַקסן אומגעריכט אַ בוים
מיט ווייסן צוויט —
צי וועט דאָס זיין נישט מערער ווי אַ טרוים,
אַ ווייטער עכאָ פון אַ ליד,
אַ שאָטן־שפּיל פון פרייד?

איך גיי ארום און טראַכט:
נישט ווייט איז שוין די לעצטע שעה —
אַ כוואַליע האָט אַ שפּיל געטאָן מיט ליכט —
און אפשר איז דאָס גאַנצע בילד נישטאָ,
אפשר איז עס בלויז אַ שיין געדיכט
פון מיר אליין פאַרטראַכט?

ווער ביסטו?

ווער ביסטו, וואָס נעמסט אַזוי פריידיק מיר דורך,
ווי פרילינג די ערד,
וואָס פילסט אָן מיט אומרו מיין האַרץ,
ווי שטורעם דעם וואַלד?

פארחידושט און וואַכזאַם,
ווי יונגע פארציטערטע הירשן,
עס גייען דיר נאָך מיינע אָוונטן שטילע;
און הייסער פון זינגד איז מיין חלום פון דיר,
און נאָענט אזוי ווי א תפילה.

ווי צאַרטער און זילבערנער שוים
איבער רוקנס פון אָזערעס קלאָרע,
דו שווימסט דורך מיין גרענעץ פון ווארהייט צו טרוים;
און ווו נאָר איך קום, ביסטו שוין פאַראַן,
ווי די צייט, ווי דער רוים.

אָן דיר בין איך רגע —
אַ בליץ וואָס שניידט דורך די פארוואָלקנטע הימלען,
א רויך וואָס פארשווינדט אין דער דעמערונג בלויער,
אַ טראָפּן וואָס נידערט אויף זאמדיקע ערדן —
א פארגענגלעכער שאָטן פון טרויער.

בלויז מיט דיר בין איך דויער —
אַן אייביקער פלאַם, וואָס ווערט נישט פאַרלאָשן,
אַ קוואַל, וואָס באפרוכפּערט אומענדלעכע שטחים,
אַ מיט און אַן אָנהייב פון לויטערע שטראָמען,
אַ רעגן פון פרייד און פון ברכה.

מיין טונקעלן ענדלעכן גאַנג
דו פאַרוואַנדלסט מיט תמימות
אין ליכטיקע רינגען פון ווערן,
וואָס וועלן זיך ציען אומענדלעך,
אזוי ווי די זון און די שטערן.

עס זינגען אַ הימן צו דיר
די בלוטן אין טיף פון מיין הארצן,
ווי ס'זינגען די טייכן צום ים,
ווי ס'זינגען צום אין־סוף די טעג.

אין אַ שטורעמדיקער נאַכט

נישט קיין בליץ האָט אויפגעריסן איצט די פינצטערניש
אזוי ווונדערלעך און אומגעריכט —
דאָס ביסטו, מיין ליבסטע, אויפגעגאַנגען אין מיר,
ווי אַ קוואַל פון ליכט.

כ׳נעם ארום דיך מיט אַ ציטערדיקן אָרעם,
אַ ווינט א הייסער יאָגט ארום ביי מיר אין בלוט,
און אלץ ארום וואַרט מיט מיר אויף שטורעם
און ס׳פיבערט מיט די גאנצע שטאָט.

יעדער בוים אַפילו רייסט זיך איצט צו ווייטן
און טרייבט פון זיך מיט יעדער צווייג די רו,
און ווינטן ווילדע לויפן אָן פון אַלע זייטן
און בענטשן אונדזער שטורעמדיקע שעה.

אַלץ זיך ענדערט

אַלץ זיך ענדערט און פאַרגייט,
נישטאָ קיין זאַך אויף אונדזער ערד וואָס דויערט.
דאָס, וואָס היינט פארשאפט אונדז פרייד,
קען מאָרגן זיין דער סוד פון אונדזער טרויער.

אויך געפילן וועפּן אויס
און בענקשאַפטן ווי פייערן נישט ווערן,
אפילו הערצער פלאַמיקע זיך לעשן אויס,
ווי ווייטע בלאַנדזשענדיקע שטערן.

עס איז דעריבער זיסער נאָך א יעדע שעה,
ווען פלאַמען אונדזער בלוט צעוויגן,
און זאלבעצווייט אין ברענענדיקע הימלען ערגעץ־ווו
די אייביקייט אין רגעס מיר באזיגן.

זיי געבענטשט

זיי געבענטשט פאַר דער פרייד, וואָס דו ברענגסט אויף מיין שוועל,
פאַר דיין פשוטן וואָרט, וואָס איז אזוי העל,
ווי העל ס'איז די שיין אין דיין לויטערן בליק, —
זיי געבענטשט פאַר דער רו, וואָס דו שענקסט מיר צוריק.

דו קומסט ווי דער טאָג אַזאַ שטילע צו גיין,
מיט זוניקן שמייכל און ליכטיקע ציין,
און לייכסט אויף ווי ער אין מיין טונקל געמיט,
ווי ס'לייכט אויף דער טרוים אין מיין אומעטיק ליד.

און אין דאָזיקן שטילן און שטראַליקן ליכט
מיר דאכט זיך אלץ אויס, אז ס'איז דיין געזיכט
פון לאנג מיר שוין נאָענט אזוי און באקאנט,
אז איך האָב שוין דיין שטים געהערט ערגעץ־ווו
אין א מילדער און לויטערער קינדערשער שעה, —
און איך נייג צו אין שטילקייט מיין האַרץ צו דיין האַנט.

אין דערוואַרטונג

עס פלאַטערט אויף אַ טראָט אַן איינזאַמער אויף מיין שטילער גאַס,
ווי אַ פויגל אַ דערשראָקענער אין צימער־שיין —
און ס׳ווערן אַלע טירן שוויַיגנדיק אַזוי און בלאַס
און דער גאַנצער חלל פון מיין צימער הערט זיך איַין.

דער טיש פאַרשעמט זיך פאַר זיין טונקלקייט און וואָג, —
ער וואָלט וועלן זיין איצט ליכטיקער און גרינגער,
און דער אַלטער גלאָבוס הילט זיך איַין אין לעצטן שיין פון טאָג —
אויך ער וואָלט וועלן זיין איצט לויטערער און ייִנגער.

דער בוך דער אָפענער דערפילט זיך איבעריק אַצינד —
ס׳ווערן אים מיטאַמאָל מיאוס די ניַין מאָס רייד,
בלויז מיין האַרץ איז גרינג און ליכטיק ווי אַ קינד,
און וואַרט מיט ציטערדיקער פרייד.

באַגין

באגין, איך עפן אויף די טיר.
א פרויען־שמייכל אין מיין צימער העלט,
כ׳קען אים קוים פון זון־ליכט אונטערשיידן.
נאָר אין דעם בליק אַ פינקלדיקע טרער.
איך זאָג צו איר:
— עס האָט אַ מילדער טאָג זיך היינט געשטעלט.
כ׳וואָלט וועלן יעדן אומרו מיר פארמיידן —
אָ, זאָג, ווער ביסטו, ווער,
מיין טרויער, צי מיין פרייד?
זי שווייגט. נאָר ס׳זינגען ארום איר די ווענט,
אַ יונגע זון גייט אויף אין שויב.
ווילדע בלומען זיך צעבליען אויפן דיל.
— איצט — זאָג איך — האָב איך דיך דערקענט.
ביסט מיין זומער־חלום, וואָס פארגייט.
פון זינט דו ביסט אַוועק זענען מיינע ווערטער טויב.
זענען מיינע שורות בלינד.
פאַרבלייב שוין איצט, פארבלייב,
פארלאָז מיך נישט פונסניי,
כ׳בין ווידער גרייט צו שענקען דיר מיין רו.
און כ׳נעם די פעדער און פארשרייב —
ווי גוט איז מיר, כ׳בין ווידער שוין נישט פריי.

באַגין. איך עפן אויף די טיר.
אויף מיין שוועל דרימלט ווי א קינד די פריע שעה.
ווי א נס גייט אויף א יונגער טאָג פאר מיר,
נאָר קיינער איז נישטאָ.

אַז די אָזערע די שיינע

(פאָלקסטימלעך)

אז די אָזערע די שיינע
שפּיגלט אָפּ דעם גרינעם וואלד —
ווייסן אלע. בלויז איך איינער
זע דיין אומעטיק געשטאַלט.

פייגל זינגען אויף דיביימער —
אלע ווייסן דאָס פוגלאנג.
צווישן אַלע בלויז איך איינער
הער דיין טרויעריק געזאנג.

גיי איך אום ביז אָוונט גרויען
הער זיך איין אין יעדן ווינט —
אפשר וועט ער מיר פארטרויען,
זוו מיין ליבסטע איז אצינד.

אפשר וועט ער מיר דערציילן,
וואָס זי פילט און וואָס זי דענקט —
איז זי גרייט מיין גורל טיילן,
איז זי אַלץ נאָך מיר פאַרבענקט?

נאָר די ווינטן זענען שטומע
צו דער בענקשאַפט פון מיין הארץ.
שטערן בליען אויף ווי בלומען —
מיינע שויבן זענען שווארץ.

ביסט מער נישטאָ

דיין ליד, וואָס האָסט געזונגען מיר אין אָונטן געהיימע,
ווי א זיסן ליבע־סוד,
זינגען איצטער אַלע פייגל, אַלע ביימער,
אַלע גאַסן פון מיין שטאָט.

כ׳דערקען די וויטיקלעכע שטים
פון איינזאמקייט און שטומען דויער —
ווי א צאַרט־פארנעפּלטער באַגין
איז זי פול מיט בענקשאפט און מיט טרויער.

זי גייט מיר נאָך אין רויש פון טאָג, אין שטילקייט פון דער נאַכט,
ווי דער ריטם פון מיין בלוט, וואָס ווייסט נישט פון קיין רו,
ווי דאָס קלאפּן פון מיין הארץ, וואָס איז שטענדיק וואך —
נאָר דו אַליין ביסט מער נישטאָ.

כ׳האָב געגלויבט

כ׳האָב געגלויבט: פון מיינע שטורעמדיקע יאָרן
וועסט אין ליבשאפט מיך דערפירן צו אַ שטילן ברעג —
זאָל כאָטש איצטער דיך פארהיטן מיין זכרון,
ווי אן אינדזל אין די בלאָנדזשענדיקע כוואליעס פון די טעג.

צוואָס האָסטו די טויטע אויפגעלעבט פונסניי?
צוואָס האָסטו מיר אָנפארטרויט דיין סוד?
עס איז דאָך אונדז געוועזן גוט אַזוי אָן זיי,
און איצטער איז פאַרסמט צו דיר מיין טראָט.

כ׳האָב נישט געוווסט, אז יעדער טאָג איז ענלעך אויפן צווייטן,
אז דו שענקסט דיין שמייכל אלעמען אלציינס,
און איך האָב ליב דעם שניי, וואָס קיינער האָט נאָך נישט באַטרעטן,
און דאָס הארץ, וואָס דויערט אויס אליין.

אין מיין וואָרט איז נישט פאראן צו דיר קיין טענה,
אַזאַ און נישט קיין אַנדערע געוועזן איז די וואָר —
ס׳איז נישט מיין שולד און אפשר אויך נישט דיינע,
נאָר ס׳ווערט מיין פיין דערפון נישט קלענער אויף קיין האָר.

פאַרוואָס

פאַרוואָס האָסטו אוועקגעפּירט מיך אין דיין וואַלד דעם טיפן?
עס איז מיר גוט געווען אַזוי אויף דעם בלאָען ברעג פון טרוים.
איך האָב ווי דימענטן דאָ אונדזערע בשותּפותדיקע טעג געשליפן,
און ס׳האָט מיין האַרץ געהאַט פאַר זיך אַזאַ ווייטן רוים.

איצטער זענען מיינע הימלען פון צווייגן טונקעלע צעשניטן
און געהיימניספולע שאָטנס לויערן אויף מיינע טריט,
כ׳האָב אַזויפיל ווערטער צערטלעכע געהאַט פאַר דיר פאַרהיטן,
איצטער וויינען זיי פאַריתומט אין מיין ליד.

ווי אין אַ נעץ איך בין פון נעפּלען איצט אַרומגענומען,
און ס׳איז מיין אומעט אומבאַוועגלעך ווי אַ שטיין —
איך הער דיין שטים און קען צו איר נישט קומען,
איך זע דיך און קען צו דיר אין וויטיק נישט דערגיין.

עס טיילט אַן אָפּגרונט אונדז פֿאַנאַנדער

עס טיילט אַן אָפּגרונט אונדז פֿאַנאַנדער —
דו ביסט פֿרייד און איך בין טרויער,
דו ביסט רו און איך בין וואַנדער,
דו ביסט איצט און איך בין דויער.

דאָך וויל איך זיך אַליין פֿאַראַטן
און צו דיין לעבן גרייכן,
ווי צו ליכט עס גרייכט דער שאָטן,
ווי דער טאָל דערגרייכט די הייכן.

דו ביסט מיר פרעמד

דו ביסט מיר פרעמד און אומבאקאנט
און ווי אן עכאָ ווייט פון מיר,
נאָר איך אַן דיך, ווי אַ קראנקער אנט
דעם פרילינג פאר זיין טיר.

און כ׳וויל דיין יונגע שיין דערלאנגען
דורך מיין נאַכט פארקלעמט און שווארץ,
און מיט מיינע טונקעלע געזאנגען
דערגרייכן צו דיין הארץ.

ווי ס'גייט אַ טייך

ווי ס'גייט אַ טייך דורך זיינע כוואַליעס צו דעם ברעג,
כ'גיי אָפּט פון דיר אַוועק
און קום מיט ליבשאַפט שטאַרקערער צוריק —
און דו וואָלסט וועלן, אַז דער וועג צום גליק
זאָל ווי אַ סטרונע אין דער אייביקייט זיך ציען
גלייך און שטייף —
נאָר יעדע זיסע פרוכט מוז פריער בליען און פאַרבליען,
כדי שפּעטער ערשט צו ווערן פול און רייף.

כ׳שענק מיין ליבע דיר

כ׳שענק מיין ליבע דיר —
אן אָונטיקע קווייט —
פאַרגיב מיר איר קאָליר
פון אומעטיקער פרייד.

אין איר שאָטן רוט
די מידיקייט פון וועג,
אין איר קלוגער גנאָד —
דער אָנדענק פון די טעג.

עס שווימט שוין אונדזער טייך
צופיסנס פונעם באַרג —
מיר ווייסן דאָס צוגלייך
און מוזן בלייבן שטאַרק.

סאטיריש

נאָך אַ דיסקוסיע

געווען זענען דאָרטן פראַגן, טענות און פאַרדראָסן פיל —
אַ וואָרט צום רעדן האָט געפאָדערט יעדער.
דער עולם אַ צעהיצטער האָט זיך כוואַליענדיק געוויגט,
נאָר דאָס שאַרפע וואָרט פון רעדנער
האָט ווי אַ פייל געטראָפן אַלעמאָל אין ציל.
ער האָט פאַרשטאַנען יעדן צווייפל אויפן ווינק,
אויף יעדער האַרבער שאלה זיך געוואָרפן פלינק,
ווי אַ שפּאַרבער אויף זיין רויב,
און ווו מיט ערנסט, ווו מיט חוזק, ווו מיט לויב —
אָפּגעענטפערט, איינגעשטילט, באַרואיקט און... געזיגט.

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ
האָט דער עולם זיך אַראָפּגעשאַרט פון די טונקלע טרעפּ.
כלומרשט אַלע ספקותן דערקלערט.
נאָר דער ווייטיק אַלציינס שווערט.
מיט זיי גייט אויך דער רעדנער מיט,
נאָר אָן נצחון־פרייד.
אָן אומעט יאָגט אין זיין געמיט.
די נאָר וואָס פלאַמענדיקע רייד,
ווי קוילן אויסגעברענטע אויפן רושט.
ער פילט זיך איינזאַם, אויסגעשעפּט און פּוסט.
און קוהלתדיק ער טראַכט: מסתמא מוז אַזוי געשען,
ווען עמעץ, קעמפנדיק, באַקעמפט אין תוך גאָר זיך אַליין.

דער רעדנער

גייענדיק אנומלטן פארטראכט
נאָך אַ רוישיקער אסיפה,
עס זענען אויפגעגאַן אין אים רעיונות טיפע.
אַ שפע פון געדאַנקען נייע האָבן אים פאַרכליניעט.
עס האָט זיך אים גערדאכט: ,
ער וואָלט א יעדן קעגנער איצט באַזיגט,
דעם שווערסטן שטרייט געווינען,
מיט ליידנשאפטלעך וואָרט א הארץ פון שטיין צעוויגט,
איבערצייגט אפילו שונאים.

אויף דער גאס געוועזן איז הארבסטיק קיל,
אַ רעגנדל אַ פוילס האָט געשמיסן אים אין פנים,
נאָר ער האָט גאָרנישט נישט געפילט,
נישט דעם רעגן, נישט דעם חושך פון דער נאַכט.
עס האָט זיך אים געדאכט:
ער שטייט אן אויפגעפלאמטער ביי אַ שטענדער
און רעדט, און רעדט,
ווי אלץ וועט זיין געענדערט —
נייע דערפער, נייע שטעט,
סאָציאליסטישער געוועט,
גרויסע קאָמבינאַטן,
העלדן־טאַטן,
ציפערן און צאָלן,
בערג און טאָלן,
טייכן, ימען —
און אלע זענען איינגעהאָרכט אין זיינע רייד,

אלע האָבן אים אַצינד פארשטאנען,
זענען פול מיט גלויבן, פול מיט פרייד,
און רינגלען אים ארום מיט ליבשאפט און פארערן
פאר אלע צייטן נישט פארדינטן ווייטיק.
נאָר ער, אַ טיף געריטער, איז גרויסמוטיק,
מאַכט דעם אָנשטעל פון פאַרוווערן —
— מע דארפט נישט — זאָגט ער — ס׳איז נישט נייטיק,
ס׳איז א זאך, וואָס איז אים בלוטיק,
ס׳קומט פון הארץ — — —
און פלוצים — די נאַכט געווען איז רעגנדיק און שווארץ —
ער ליגט גאָר אויסגעצויגן ביי א חורבה א צעשטערטער
און פון דערנעבן אַ פייערדיקער שטראָם פון זידל־ווערטער:
— צי ביסטו בלינד צו אלדי שוואַרצע יאָר —
גייסט פאָרויס און זעסט קיין מענטשן גאָר,
וועלכער טייוול האָט דיך אהער געבראכט? — — — — —

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פאַמעלעך, די אויגן אויסגעריבן און געטראכט:
עס האָט אַ טיפערן באַדייט מסתמא, מע דארף דעם צופאל בענטשן —
צי איז דאָס טאַקע נישט געווען אַ בלינדער גאנג פאָרויס, נישט זעענדיק דעם מענטשן?

די טויב פון שלום

כ׳ווייס נישט צי אין חלום,
צי אויף וואָר —
געקומען איז צו מיר די טויב פון שלום.
נאָר נישט אליין — מיט איר באשערטער פּאָר.
און אויסגעבראָכן גלייך אין א געוויין:
— אומעטום נאָר — ווו מלחמה,
ברענגט מיין פליגל־פּלאַטער רו
און נחמה.
און דאָרט ווו איך בין דאָ,
שטילט זיך איין א יעדער קריג,
די פריינדשאַפט זיגט
און ס׳ווערט אָן אמתע אידיליע.
נאָר אין מיין אייגענער פאמיליע —
זאָגט מיין שיינע פּאָר —
בין איך די סיבה גאָר
פון אלע קריגערייען.
צי קען געדולד גאָר סטייען
לאנג נאָך אזא פאלשע ראָל
פון א טייבעלע א שטילס צו שפּילן?
ס׳איז צו אַ שווערער עול.
כ׳וויל אויך נאָך געבן זיך צו פילן!
כ׳בין קיינמאָל טאַקע נישט געווען קיין אָדלער.
אָבער מיינע נעגל זענען אויך ווי נאָדלען
און מיין שנאָבל הארט ווי שטיין —
כ׳זאָל אַזוי אמאָל אַ פּיק טאָן מיט זייביידן,
קאָן מען אויך דערזען
די עלטער־באָבע פון גן־עדן.

און ער, דער שיינער ריטער,
דער גליקלעכער באַשערטער —
ער שטאַמלט און ער ציטערט,
אַז קוים גאָר וואָס מען הערט אים:
— אָט דאָס איז דאָך מיין קלאָג,
וואָס זי טוט עס יעדן טאָג.

כלל־טוער

.1

צווישן אַלע וווּנדער אויף דער ערד
כ׳האָב געקענט אויך איינעם אַזאַ טוער,
וואָס האָט אַלע זיינע יאָר
קיין כיבודים נישט באַגערט
און נישט פאַרטראָגן קיין חניפה.
דער ערשטער זיך מיט אַלעמען באַגריסט,
מיט יעדן איינעם חבריש געשמועסט
און אויף יעדער חשובער אסיפה,
פון גרויס באַשיידנקייט,
געשטאַנען אין אַ זייט
און נישט געריסן זיך צום אויבנאָן.
נישט מער —
כדי צו דינען ווי אַ ביישפּיל מיט זיין טון,
כדי צו זיין פאַר אלעמען אַ לער,
גוט ארומגעקוקט זיך פריער
אין אלע זייטן פיר,
אז אויסער אים אליין,
זאָלן אלע דאָס דערזען.

.2

כ׳האָב אויך געקענט א צווייטן טוער פון דעם זעלבן מין,
וואָס האָט זיך פארן כלל נישט ווייניקער פארדינט.
אויך מיט אים איז קיינמאָל נישט געשען
ער זאָל ווען עס איז אליין
זיך זעצן אויף אַן ערשטן אָרט,
אָדער גאָר אליין זיך נעמען ווען עס איז דאָס וואָרט.
שוין אָפגערעדט פון ביטן זיך אַ שבח
פאר זיין מי „לטובת דער זאך״.
— אַ שליח־ציבור דארף באַשיידן זיין און פרום
און קיינמאָל זיך נישט יאָגן,
נישט נאָך לויב און נישט נאָך רום —
פלעגט ער זאָגן — — —

נאָר ווי געווען איז די, וואָס קומען צו אים אָן,
זיי זאָלן נישט דאָס אלץ פאר זיינעטוועגן טאָן.

שמענדריק

I

פון דער היים האָט ער געהייסן לערנער —
לערנער רב בנימין בן רב סענדער —
צום ווייב האָט ער גערעדט בלשון „הער־נאַר",
חלילה זי נישט אָנגערופן ביי דעם נאָמען.
און ווי דער שטייגער איז ביי פרומע יידן —
נישט פאַר אונדז געדאַכט — געהאַט מערידן.
האָט אויך ליב געהאַט אין בעדל יעדן ערב־שבת
אויף דער באַנק דער אייבערשטער זיך מאַכן אַ משכנתא רבא,
ווי אַ קאַנטאָ מערצעשעם לעולם־הבא.
און דערנאָך, אין חסידים־שטיבל ווידער,
באַווייזן חריפות און מסכתא נדה.
און דאָס בקולי־קולות, אין גייסט פון דער מסורה,
ווי אין צייט פון סאָמע מתן־תורה.
כאָטש סיי־ווי־סיי האָט קיינער נישט געוואַגט
זיך שטעלן אים אנטקעגן —
אַזאַ בר־אוריין! אַזאַ בעל־יחוס! און אַזאַ פאַרמעגן!
די מאַכט אַליין, דאָס סאמעראָדנע מעשן־בלעכל,
האָט שטענדיק אויף זיין בוקעניש געענטפערט מיט אַ שמייכל.
בלויז פאַר הינט האָט רב בנימין גאָרנישט אויף קאַטאָוועס,
ווי יעדער ייד — געציטערט אימת־מות.

II

איז הערט, וואָס קאָן געשען,
אנומלטן בין איך אין שטעטל ב. געווען —
קומען יידן זיך פארקלאָגן:
אַ נייער לייטער איז געקומען —
קאָן ער יידן נישט פארטראָגן.
אַ סימן —
ווי יעדער עכטער רשע —
קומט צו אים נאָך ארבעט וועלכער ייד,
האלט ער קודם כל א דרשה,
און אלעמאָל דאָס זעלבע ליד:
— יידן — זאָגט ער — דארפן זיין באַשיידן,
נישט וועלן קיינמאָל גיין אין גרויסן.
הויכע שטעלעס — זאָגט ער — דארף מען מיידן
און בכלל אַ ביסל שטיין פון דרויסן —
נישט שטופּן אומעטום די נאָז,
נאָר בעסער זען ווו דאָס ווינטל בלאָזט...
דאָס זאָגט ער כלומרשט אַלץ אַנטקעגן
זייער טובה וועגן.
וואָס איז שייך ווידער ארבעט — אדעראבע!
נאָר, ליידער, נאָך נישט איצטער — אויף להבא.
ווייל גראָד איצט האָט אים די פירונג
שטרענג באפוילן רעדוצירן.
יידן זאָגן:
— עס איז א סברא,
אז ער אליין איז אויך פון זעלבן שטאַם,
כאָטש אַ כאַם,
וואָס מעג פאר יעדן יידן ווערן די כפרה.
אמת, וואָנצעס טראָגט ער פון איין אויער ביזן צווייטן

און אַ נאָמען האָט ער אויך אַזאַ פאַרדרייטן —
הענריק מאַנציוואָדע —
און אַ כלב גייט אים אויך נאָך לויט דער מאָדע,
נאָר וואָס קאָן, מ׳שטיינסגעזאָגט, שוין העלפן דען אַ נאָמען,
אַז דער גאַנצער יחוס ליגט אים אויפן פּנים.

III

נישט מאַכנדיק קיין לאַנגע שיעס —
איך גיי אליין צו אים אַריבער.
הער נאָר, פריץ לעבן — זאָג איך — הער נאָר, ליבער,
און פּלוצים — כ׳הייב אויף מיינע וויעס —
עס שטייט פאַר מיר דער זעלבער רב בנימין,
נאָר מיט אַ נאַקעט־עזותדיקן פּנים
און מיט אַ בליק — נאָך מער פאַרשייטער.
— אַזוי גאָר — זאָג איך — רב ב־נ־י־מ־י־ן!
אַזעלכע דאַרפן זיין באַשיידן,
דאַרפן זיך נישט שטופּן אויף קיין לייטער,
הויכע שטעלעס — זאָג איך — דאַרף מען מיידן,
נישט וועלן קיינמאָל גיין אין גרויסן,
און בכלל אַ ביסל שטיין פון דרויסן,
נישט שטופּן אומעטום די נאָז,
נאָר בעסער זען, וווּ דאָס ווינטל בלאָזט.
און ער — אַ בלאַסער, אַ צעשטרייטער:
— כ׳הייס שוין נישט בנימין — שרייט ער —
כ׳הייס שוין הענריק, הייס איך!
— אָט דאָס נייעס — זאָג איך — ווייס איך,
נאָר בעסער הער זיך צו געלאַסן.
אויב דו ווילסט דער נאָמען זאָל דיר פּאַסן,
זאָל אַנטשפּרעכן דיין אַמביציע,
איז נישט הענריק,
נאָר אַ נאָמען מיט טראַדיציע —
שמענדריק!

עס זאָלן זיך די שונאים נישט דערוויסן...

א מרה־שחורהדיקער מאַן,
וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג
געציטערט בלויז דערפאַר,
ער זאָל אַמאָל נישט מיט זיין צער
די פיינט דערפרייען,
האָט זיין הויזגעזינד באַפוילן:
וואָס אין שטוב זאָל נישט געשען —
אפילו פאַר די פריינד פאַרהוילן.

און אזוי האָט זיך געצויגן יאָרן־לאַנג,
ביז איינמאָל איז דער מאַן געוואָרן קראַנק
אויף פאַרקאַלעכונג פון מוח
און פון האַרץ.
די שוואַרצע וואָנצעס זענען אים געוואָרן גרוי,
ווי דורכגעזאַפּט מיט רויך,
דאָס טונקלע פּנים — בלוי,
די פאַרזשמורעט־כיטרע אויגן אויסגעשטאַרצט
און אומנאַטירלעך גרויס
און דער גאַנצער גוף — הויט און ביין.
מ'האָט באַשיינפּערלעך געזען —
עס גייען אים די כוחות אויס.

איז דער עלטסטער זון געקומען מיט געוויין
צו זיין קראַנקן בעט
און מיט א ציטערדיקער שטים
געבעטן זיך ביי אים:

— וואָס קענען מיר דיר העלפן דען אליין?
דערלויב כאָטש איצט א רופא ברענגען,
בּאראטן זיך מיט פריינד —
אפשר וועט מיט זייער הילף געלונגען...
נאָר דער קראנקער — קוים שוין וואָס ער רעדט —
— א רופא — זאָגט ער — חלילה וחס!
נישט דערלעבן זאָלן עס די פיינט.
זיי וועלן עס צעפּויקן גלייך אין גאַס.
עס וועלן זיך דערפרייען בלויז די שונאים.
כ׳וועל זיך שוין אַן עצה געבן אָן אים.
און שטאמלנדיק, ער טוט פונסניי באפעלן:
קיינעם, קיינעם נישט דערציילן.

דעם סוף פון דער געשיכטע איז שוין לייכט צו טרעפן,
איר ווייטערדיקער גאנג איז ווי א בוך צעעפנט:
דער סוד איז סיי־ווי־סיי ארויס אין גאַס,
נאָר דער קראנקער, שטיקנדיק אין זיך דאָס ביטערע חולאת,
האָט בלויז פארשנעלערט זיך אליין די רייזע אין גן־עדן.
א טרויעריקער סוף, נאָר באלערנדיק פאר יעדן,
אז מע טאָר דעם אמת הינטער קראטעס נישט פארשליסן
אויס בלויזער מורא, עס זאָלן זיך די שונאים נישט דערוויסן.

צו איינעם אַ פּאָעט

נישט קלאָג זיך, דיכטער, אזוי ביטער אויף דיין גורל,
אין פארצווייפלונג נישט פארברעך די בלאסע הענט —
דיין תשובה־טאָן איז אנערקענט.

און אויב דו האָסט אפילו שוין געשווירן
צו דיין מוזע בלייבן אייביק טריי —
פון דיין שבועה זיך באפריי.

עס איז דיין גאָט נאָך נישט געשטאָרבן,
ער האָט בלויז אויסגעוואנדערט אין א צווייטער שטאָט —
גיי אים נאָך אין זעלבן טראָט.

אויך דיין ליד איז ווייטער נאָך נישט אזוי פארדאָרבן,
ס'איז בלויז פון שרייען מיד —
פארטויש עס אויף אַן אנדער ליד.

נאָר זע, עס זאָל נישט רופן בלויז צו שלאכטן,
נאָר רעדן פשוט, מענטשלעך, —
וועט עס יעדן איינעם זיין פארשטענדלעך

און אויך דיין נייער טראָט אויף אכטונג
זאָל זיך קיינמאָל מער נישט שטעלן —
וועט ער יעדן איינעם מער געפעלן.

נישט אמת

נישט אמת, אז דער גיהנום איז באזונדער פון גן־עדן —
דאָס זינדיקע און גוטע איז אויך נישט אָפּט צעשיידט.
מערסטנטייל אין לעבן מיר באגעגענען זיי ביידן,
באַהאָפטענע צוזאַמען ווי דער טרויער מיט דער פרייד.

יעדע, גוטסקייט איז אין צער פון אנדערע באטייליקט,
יעדער אמת צו דעם ליגן טיילמאָל גרייכט —
און ווי אָפט דורך זינד מיר ווערן גאָר געהייליקט
און דערהויבן צו דער העכסטער הייך.

צי איז פאַראַנען דען א גרענעץ צווישן בערג און טאָלן,
צי זענען דען פאראנען שאָטנס ווו אָן שיין? —
אין פּאָזיטיווע זיך פארוואנדלען נעגאטיווע צאָלן,
ווי נאָר אין דער פארטאָפלונג זיי דערקענען זיך אליין.

ווי קען דער דין זיין א גערעכטער,
אַז יעדער שופט זעט זיין אָרט נאָר און זיין צייט —
ווען בלויז די עברס אַלע איז די קעגנוואַרט די עכטע,
און יעדעס אָרט איז בלויז אַ ברוכטייל פון דער ווייט.

נישט אמת, אז דער גיהנום איז באזונדער פון גן־עדן —
דאָס זינדיקע און גוטע איז אויך נישט אָפּט צעשיידט.
מערסטנטייל אין לעבן מיר באגעגענען זיי ביידן,
באַהאָפטענע צוזאַמען ווי דער טרויער מיט דער פרייד.

אַ דיאַלאָג

— ווער איז איצט די אויסדערוויילטע פון דיין הארץ,
אויף וועלכן לשון האָט זי דיך געפאנגען,
צי איז זי בלאָנד, צי איז זי שווארץ,
ביסטו דער ערשטער אין איר הויז געגאנגען,
צי זי איז פריער צו דיר געקומען —
פונוואנען האָסטו זי גענומען,
פון וועלכן בארג, פון וועלכן תהום?

— אָ, טייערע, די אויסדערוויילטע פון מיין הארץ
רעדט אויף יעדן לשון מיך צו פאנגען.
טיילמאָל איז זי בלאָנד און טיילמאָל שווארץ
אוןביידע האָבן מיר די זעלביקע פארלאנגען.
נאָר כ׳האָב זי נישט גענומען
נישט פון באַרג און נישט פון תהום —
אויף א ווייסע בלויז איז זי צו מיר געקומען
פון מיין ווייטן אומעטיקן טרוים.

די זון, די לבנה און ווענוס

זאָגט צו מיר די העלע זון אזוי:
צי האָסטו ווען געטאָן א טראכט,
ווי כ׳בין דיר טריי, ווי כ׳בין נאָר דיין,
ווי כ׳האָב קיין צווייטן נישט אין זין?
ווייל כאָטש איך בין,
ווי דיר באקאנט —
פון הוילע שיין,
פון הוילע פלאם,
איז דאָך — ווען ס׳קומט די נאכט,
גיי איך טבילה גלייך אין ים,
לעש דאָס פייער אויס אין הארץ,
מאך די הימלען אלע שווארץ —
און אויף רו.

און דו? —
דערציילט מיין פריינד —
דער פלאפלענדיקער האָן —
הייבסט ערשט דעמלט אָן —
און נישט פון היינט —
א ליבע גאָר א שטילע
מיט דער בלאסער בתולה,
דער ראָמאנטישער לבנה.
ברינגסט איר לידער א מתנה,
זינגסט איר סערענאדעס,
און דאָס אין דרויסן,
פאר אלע שטערן־סטאדעס —

מיינע שונאים —
צו פארשווארצן מיר דאָס פּנים.

גלויב מיר, כ׳בין חלילה גאָרנישט אויסן,
האָב דערפֿאָלג זיך אין דיין מי —
נישט מער, כ׳וויל נישט בלייבן ווייטער בלינד —
אָדער איך, אָדער זי —
באטראכט....

אזוי אַ זאָגט צו מיר די זון
אין דעמער פון פארנאכט,
צינדט פון צאָרן אלע הימלען אָן
און פארשווינדט.

אין דער זעלבער צייט ביים זוים פון הימל
שווימט ארויס פארנעפּלט, ווי אין דרימל,
די ראָמאנטישע לבנה.
זי הערט די לעצטע ווערטער
פון מיין זוניקער באשערטער
און איר פּנים ענדערט זיך משונה.
זיין צארטע שיין
ווערט בלאס פון פּיין,
נאָך בלאסער ווי געוויינלעך.
זי וואָלט גערן אויפגעקלערט די גאנצע זאך
דער זון פּערזענלעך,
אפשר וואָלט עס איר געלונגען,
נאָר זי איז עס נישט בכוח —
יענע האָט אַזעלכענע מאָראלישע פרינציפן,
אז ס׳איז א מורא גאָר א וואָרט צו ברינגען
פאר די ליפּן.
הילט זי איין איר טרויריקע מחשבה,
אין די וואָלקנדלעך די בלאָווע
און שוויגט אין טיפן טרויער.

און די שרפה פון די הימלען דויערט.

דעמלט קומט אָן פלוצים פון א ווייטן טונקל ווינקל
ווענוס קלוג־צעפינקלט.
זי קוקט א ווייל דעם זינגער מיט איראָניע אָן
און זאָגט: מעגלעך, אז ס׳איז ריכטיק,
וואָס עס האָט דערציילט דער פלאפלנדיקער האָן.
נאָר נישט דאָס איז איצטער וויכטיק —
און זי אליין, די זון,
צי איז זי דען אויף אָפּרו איצט אוועק
און נישט כדי מהנה זיין אויך אנדערע
מיט אירע הייסע טעג?

אינהאַלט

זייט

פאָרטרעט פון אויטאָר געצייכנט פון ל. מערגאשילסקי — 3

*** — 7

צייכענונג פון י. צעלניקער — 9

1טע אָפּטיילונג „אין טרויער“ — 11

אין אן אייגענער שטאָט — 13

ב'שלים די אויגן צו — 14

פאר וועלכע זינד? — 16

זעט אוים — 18

צייכענונג פון ל. מערגאַשילסקי — 19

א חלום — 22

*** — 23

אין אָפּגרונט פון די נעכט — 24

שיפן אויסגעלאָשענע — 25

צו א מיידל פון אָשוויענטשים — 26

וויפל כמאַרעס שוואַרצע — 27

עס איז געווען אמאָל אזא לעגענדע — 28

עמעט טיל — 29

פאר אייער הייליקן זכרון — 31

אז איך וועל פארלאָזן די ערד דאָ — 32

צייכענונג פון י. צעלניקער — 33

2טע אָפּטיילונג „בענקשאַפט“ — 35

נעכט — 37

בענקשאַפט — 38

א חלום — 39

צי קענען ווערטער דען מיט הערצער זיך פארמעסטן? — 40

דאָס לאַנד פון מיין חלום — 41

ס'איז נישט קיין זינד — 42

דאָס איז מיין פאָלק — 43

כ'גרים מיין חלום פון דער וויט — 44

איך וויל נישט — 45

זייט

צו מיין אייגענעם פארלאָזטן קוואַל — 46

מיין געצייטיקטער טרוים — 47

נישט אויף די טייכן פון בבל — 48

די טרער — 49

די סכנה אליץ נאָך דויערט — 50

די זעלבע ערד האָט אונדז דערצויגן — 51

דאָס ליד וואָס קומט אונדז — 52

ער זאָל פאר זיך אליין שוין ווערן שיין — 53

מיר ווילן מער נישט — 54

צייכענונג פון י. צעלניקער — 55

3טע אָפּטיילונג „אין גלויבן“ — 57

אָקטאָבער — 59

ערשטמאיקער פריער פרימאָרגן — 60

א פארגליבטער כ'בין צו דיר געגאַנגען — 62

פרילינג אין ווארשע — 63

א בריוו צו א פריינד — 64

צייטנוויז — 66

*** — 67

פונוואַנען פרעגסטו — 68

גלויב נישט — 70

צייכענונג פון י. צעלניקער — 71

4טע אָפּטיילונג „מיט זיך אליין“ — 73

מיין ליד — 75

די שטערן וויינען — 76

פאַרנאַכט אין צוג — 77

כ'האָב מיין פרייד פארלוירן — 78

ווי אן אלטער טרייער הונט — 79

אָט שטייט מיין לעבן מיר אַנטקעגן — 80

די ערד איז אייביק גרין — 81

וויפל וועגן האָט דער אמת? — 82

ווי אזוי איז דאָס געשען? — 83

אויך מיך האָט דער אמת געמיטן — 84

	זײַט
כ׳בין אצינד ווי א גאָרטן אין באַגין	85
דאָס וואָרט	86
צום אָנדענק פון יוליאן טוווים	87
אין די בערג	89
צייכענונג פון ל. מערגאשילסקי	91
בערג און וואָלקנס	93
אייביקייט	96
נייע ווערטער	97
דער טויט פון א קינד	98
צייכענונג פון י. צעלניקער	99
5טע אָפּטיילונג „אומרו“	101
די	103
אין שפּעטער שעה	104
ס׳איז געשען ערגעץ ווייט	105
כ׳האָב אזעלכע רייד צו דיר גערעדט	106
פרעמדע שיין	107
אין קינאָ	108
דער שאָטן פון א וועג	109
ווער ביסטו?	110
אין א שטורעמדיקער נאַכט	112
אלץ זיך ענדערט	113
זיי געבענטשט	114

	זײַט
אין דערוואַרטונג	115
באַגין	116
אז די אָזערע די שיינע	117
ביסט מער נישטאָ	118
כ׳האָב געגלויבט	119
פארוואָס	120
עס טיילט אן אָפּגרונט אונדז פאַנאַנדער	121
די ביסט מיר פרעמד	122
ווי ס׳גייט א טייך	123
כ׳שענק מיין ליבע דיר	124
צייכענונג פון י. צעלניקער	125
6טע אָפּטיילונג „סאַטיריש“	127
נאָך א דיסקוסיע	129
דער רעדנער	130
די טויב פון שלום	132
כלל־טוער	134
שמענדריק	136
עס זאָלן זיך די שונאים נישט דערוויסן	139
צו איינעם א פּאָעט	141
נישט אמת	142
א דיאלאָג	143
די זון, די לבנה און וועגנס	144

Zam. 2008 — B-54